STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03278

Y.L. PERETS ALS SOTSYALER DIKHTER

Shakhne Epstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שכנא עפשטיין

י. ל. פרץ

אלס

סאָציאַלער דיכטער

מאַקס נ. מייזעל
424 גרענד סטריט,
ניו יאָרק.

אידישער פערלאג
פיר ליטעראַטור
און וויסענשאַפט.

MAX N. MAISEL
PUBLISHER

424 GRAND ST.
NEW YORK

1916

Class
893
Lowell City Library.
Book
33
Ac.
83189

COPYRIGHT
MAX N. MAISEL, PUBLISHER
1916.

893

איינלייטונג

וועגען י. ל. פּרץ איז שוין פאַרהאַן אַ גאַנצע ליטעראַטור. ווען
מען שטודירט זי אָבער דורך, וואַרפט זיך גלייך אין די אויגען, אַז
איין זייט פון פּרץ'ס שאַפען איז שטאַרק פערנאַכלעסיגט. די אַלע
אָבהאַנדלונגען רעדען הויפּטזעכליך וועגען פּרץ'ס קינסטלערישער
בעדייטונג; זיי לעגען אָבער וועניג געוויכט אויף דעם סאָציאַ־
לען אינהאַלט פון זיינע ווערק, ווי אַזוי אין זיי איז פערקערפּערט
דאָס גאַנצע אידישע לעבען, דאָס לעבען פון די פערשיעדענע שיכ־
טען פון'ם אידישען פאָלק.*)

די איינציגע, וואָס האָט זיך אָבגעשטעלט אויף דער סאָציאַלער
זייט פון פּרץ'ס שאַפען, איז שרה ראַבינאָוויטש אין איהר אַרטי־
קעל „דער האַנדעלס־קלאַס און אַרבייטער־קלאַס אין פּרץ'ס ווערק",
געדרוקט אין רוסישען זשורנאַל „יעווריייסקי מיר" פון יאָהר 1909.**)
דאָרט וואַרפט אָן די שרייבערין אַ בילד פון פּרץ'ן אַלס סאָציאַלען
דיכטער, ווי ער שילדערט דאָס לעבען פון די אידישע האַנדעלס־
לייט און אַרבייטס־מענשען. זי ווייזט אָן, אַז פּרץ האָט אַנאַליזירט
די עקאָנאָמישע פערהעלטניסען פון אָט דיביידע שיכטען און אויף
דעם גרונד אַרויסגעבראַכט דעם אונטערשיעד אין זייער פּסיכאָלאָ־
גיע.

ראַבינאָוויטש שטעלט זיך אָבער אָב מעהר אויף דעם האַנ־
דעלס־קלאַס איידער אויף דעם אַרבייטער־קלאַס. איהר אַרטיקעל
איז ניט פאָלקאָמען. דאָס איז מעהר אַ סכעמע, אַן אָנגעצייכענ־
טער פּלאַן פון אַ גרעסערער אַרבייט, און די כאַראַקטערען, ספּעציעל

*) דער בעקאַנטער ליטעראַטור־פאָרשער ב. באָראָכאָוו האָט אין
זשורנאַל „ליטעראַטור און לעבען", מאַי 1915, צוזאַמענגעשטעלט זעהר
אַ ווערטהפולען קאַטאַלאָג פון אַלע, וואָס איז געשריעבען געוואָרען וועגען
פּרץ'ן אין אידיש און אַנדערע שפּראַכען, פון אַלע זיינע ווערק אין פער־
שיעדענע אויסגאַבען און זייערע איבערזעצונגען.

**) דער אַרטיקעל איז איבערזעצט אין אידיש אין „ליטעראַטור
און לעבען", מאַי, 1915; ער איז אָבער פערקירצט און שלעכט בע־
אַרבייט.

פון די ארבייטס־מענשען, ווערען ניט בולט ארויסגעבראכט; זיי זיינען מעהר ניט אנגעדייט אין אלגעמיינע שטריכען. דער ארטיקעל פערדיענט אבער א בעזונדערע אויפמערקזאמקייט, ווייל דאס איז די ערשטע התחלה אין דעם פרט, און א התחלה א גאנץ געלונגענע.

דער פערפאסער פון דער פארליעגענדער שטודיע האט זיך בענוצט מיט איינינע שטעלען פון ראבינאוויטש'עס ארטיקעל, ווייל דאס איז געווען אונפערמיידליך צוליעב דער געמיינזאמקייט פון דער טהעמע. אינגאנצען גענומען איז אבער די שטודיע דורכאויס א זעלבסטשטענדיגע ארבייט, וואס אנאליזירט בלויז פרץ'ס בעציהונג צו דער ארבייטער־בעוועגונג, צום סאציאליזם, און הויפטזעכליך זיינע שילדערונגען פונ'ם ארבייטער־לעבען. די אנדערע פאלקס־שיכטען ווערען דא נור בעריהרט אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל דאס איז אונבעדינגט נויטיגט, כדי בולט'ער ארויסצוברענגען די פסיכאלאגיע פון דעם ארבייטער־קלאס.

דאס איז, פיליכט, אן איינזייטיגע ארבייט, אבער זעהר א נויטיגע. ביי די אומות העולם איז מען שוין געוואוינט צו נעהמען א ספעציעלען ווינקעל אין דעם שאפען פון א פאלקס־קינסטלער, ווייל דאס גיט א מעגליכקייט צו ערלערנען דעם קינסטלער גרינדליך. איז שוין צייט, אז מען זאל דאס זעלבע טהאן אויך ביי אונז. אונזערע קינסטלער, איבערהויפט פרץ, זיינען שוין גענוג פערשיעדענארטיג און טיעף, אז מען זאל אנאליזירען בעזונדערע זייטען פון זייער שאפען. דאס וועט קלאר מאכען פיעלע זאכען אין זיי, געבען א שליסעל זיי בעסער צו פערשטעהן.

די אידישע ארבייטער־מאסען האבען אלע מאל געזעהן אין פרץ'ן א לעהרער און וועגווייזער; וועט פאר זיי געוויס זיין וויכטיג צו וויסען, ווי אזוי אונזער „דיכטער פונ'ם גאנצען פאלק" האט זיך בעצויגען צו זייערע ליידען און פריידען, צו זייערע שטרעבונגען און אידעאלען, צו זייער קאמפף פאר א שעהנער, ליכטיגער צוקונפט; ווי אזוי ער איז אריינגעדרונגען אין זייער לעבען. דורך דעם וועט פרץ זיי ווערען נאך נעהענטער, נאך טייערער, און זיי וועלען איהם אלץ מעהר און מעהר לעזען און שטודירען.

דער פערפאסער פרעטענדירט ניט צו האבען אויסגעשעפט דעם מאטעריאל אינגאנצען. ער קוקט אויף זיין ארבייט בלויז ווי אויף א פערזוך צו בעלייכטען די סאציאלע זייט פון פּרץ'ס שאפען, וועלכער מען האט אזוי וועניג אויפמערקזאמקייט געשענקט, ספעציעל בנוגע צו די שילדערונגען פון ארבייטער־לעבען. ער פרובירט זיך דא צו געבען א בילד פון פּרץ'ן ניט אלס קינסטלער, נאר אלס פריהייטס־גייסט, אלס מענשען, וואס האט געלעבט מיט'ן פאלק און פאר'ן פאלק, און אויב אט די אויפגאבע איז, פיליכט, ניט ערפילט פאלשטענדיג, דארף מען ניט פערגעסען, אז יעדער אנפאנג איז שווער...

אנאליזירענדיג פּרץ'ס שילדערונגען פונ'ם ארבייטער־לעבען, זיינען זיי ניט גענומען געווארען כראנאלאגיש, לויט דער צייט, ווען זיי זיינען פערפאסט. פּרץ אליין האט ניט צוגעגעבען קיין בעדייטונג דער כראנאלאגיע, און אין די פערשיעדענע אויסגאבען זיינען זיינע ווערק אויסגעמישט, קלאסיפיצירט לויט די טהעמעס. מעהר ניט די פערזאנען, וואס האבען נאכגעפאלגט זיין ליטעראַרישע טהעטיגקייט, ווייסען, וואס ער האט געשאפען פריהער און וואס שפעטער.

פון א קולטור־היסטארישען שטאנדפונקט איז געווים וויכטיג צו וויסען, ווען א קינסטלער האט געשאפען די אדער יענע זאך, ווייל דאס גיט א בעגריף וועגען דער עפאכע; כדי אבער צו מאכען זיך א פארשטעלונג וועגען דער קאנצעפציע פון קינסטלער'ס שאפען, וועגען זיין וועלטאנשויאונג, וועגען זיין קוק אויפ'ן לעבען, איז וויכטיג פעסטצושטעלען די איינהייטליכקייט פון זיינע סוזשעטען און כאראקטערען. דאס האט געטהאן דער פערפאסער. אלע פּרץ'ס זאכען, וואס געהען אריין אין דער דאזיגער שטודיע, האט ער קלאסיפיצירט לויט די כאראקטערען, און גאנץ אפט ווערען ציטירט פריהער ווערק פון די שפעטערדיגע יאהרען איידער פון די פריהערדיגע יאהרען, אמאל אויסגעמישט. דאס איז געווען נויטיג, כדי צו מאכען דאס בילד פון פּרץ'ן אלס סאציאלען דיכטער בולט'ער, דייטליכער, כדי צו בעווייזען, ווי אזוי אין זיינע ווערק שפיעגעלט זיך אב די ענטוויקלונג פון דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג אין איהרע פערשיעדענע שטופען.

דעצעמבער, 1915. ש. ע.

אינהאלט:

פרץ'ס בעציהונג צו אידיש און זיין דעמאָקראַטיזם........ 7
פרץ און די סאָציאַליסטישע בעוועגונג 10
די ארבייטס־מענשען ביי פרץ'ן.......................... 16
די בעלי־מלאכות ביי פרץ'ן.......................... 28
די בעציהונגען צווישען מאן און פרוי ביי די ארבייטס־מענשען 38
די ארבייטס־פרוי ביי פרץ'ן.......................... 41
דער מאָדערנער ארבייטער ביי פרץ'ן.................. 50
פרץ אלס פרייהייטס־גייסט.......................... 61

י. ל. פרץ אלס סאציאלער דיכטער

1.

פרץ'ס בעציהונג צו אידיש און זיין דעמאקראטיזם.

י. ל. פרץ האט גענומען שרייבען אידיש, ווייל ער האט געוואלט בילדען, אויפקלערען די פאלקסמאסען. ער איז אבער צוגעטראטען צו זיין אויפקלערונגס־ארבייט גאר אויף אן אנדער אופן און מיט אנדערע אידעען איידער זיינע פארגענגער און צייט־גענאסען.

יענע האבען אויך אנגעהויבען צו שרייבען אידיש, כדי דאס פאלק זאל זיי פערשטעהן. זיי האבען זיך אבער בעצויגען צו אידיש, אדער ווי זיי האבען עס גערופען „זשארגאן“, מיט פעראכטונג. זיי האבען עס ניט געהאלטען פאר קיין שפראך. דורך דעם „זשארגאן“ האבען זיי געפרעדיגט די פערניכטונג פון „זשארגאן“ גופא. אנשטאט דעם האבען זיי געשטרעבט איינצופיהרען אין לעבען העבראיש און די לאנדס־שפראך. נור אויף אזא אופן, האבען זיי געדענקט, וועט דער „המון“ געניסען די פרוכט פון בילדונג און וויסענשאפט.

פרץ האט זיך בעצויגען צו אידיש מיט דער גרעסטער אכטונג אלס צו דער נאטירליכער פאלקס־שפראך, וועלכע מען דארף אויספיינערען, כדי זי זאל ווערען דער קוואל פון אמת'ער קונסט, פון אמת'ער פאעזיע. ער איז זאגאר געווען איינער פון די ערשטע אין דער העבראישער ליטעראטור, וועלכער האט אנגעוויעזען אויף דער אונגעהויער גרויסער קולטורעלער בעדייטונג פון „זשארגאן“, אויף איהר טיעפער לעבענס־קראפט. זיין פאעמע „מנגנות הזמן“ אין העבראישען זאמעלבוך „האסיף“ איז געווען א גלענצענדע פערטיידיגונג געגען דעם אנפאל פון אונזער אינטעליגענץ, סיי דער שאוויניסטישער, סיי דער אסימילאטארישער, אויף אידיש. העבראיש איז פאר איהם געווען בלויז טייער אלס די שפראך פון די נביאים, פון אונזער גרויסער היסטארישער פערגאנגענהייט.

שוין אין זיין ערשטען אידישען ארטיקעל מיט'ן נאָמען „ביל־דונג“ לאַכט פּרץ אויס אונזערע שאָוויניסטען־פאַנאַטיקער, „וואָס מיינען, אַז איבערנאַכט קען מען אַ שפּראַך לעבעדיג מאַכען“; ער לאַכט אויס „די בטלנים, וואָס ווערען דערפרעהט, ווען זיי זעהען אַ העברעאישען ראָמאַן; וואָס קריגען קעלבערנע התלהבות פון אַ העברעאישען וואַנד־קאַלענדאַר“. ער גלויבט אפילו ניט, אַז ווען דאָס גאַנצע פאָלק זאָל רעדען העברעאיש, זאָלען מיר דערפון האָבען אַ „ציוויליזאַציע“. „נור דער פאַנאַטישער שאָוויניזם — זאָגט ער — קען אויף דעם רעכענען“. ער איז איבערצייגט, אַז פונ'ם „זשאַרגאָן“ קען יאָ אויסוואַקסען אַ „ציוויליזאַציע“, ווייל זי איז די שפּראַך פון אונזער גענענוואַרט, די שפּראַך, וואָס עס רעדט דאָס גאַנצע פאָלק.

אין דעם זעלבען אַרטיקעל זאָגט פּרץ: „קיין שפּראַך איז אַן און פיר זיך ניט הייליג, ניט גוט, ניט שלעכט; די שפּראַך איז נור אַ מיטעל איינער זאָל דעם אַנדערען פערשטעהן און געבילדעטע מענשען זאָלען אויף די אונגעבילדעטע ווירקען“. ער פערשטעהט אָבער אויך, ווי ווייט וויכטיג עס איז פאַר'ן פאָלק צו וויסען די לאַנדס־שפּראַך, כדי צו געניסען די פּרוכט פון דער אַרומיגער קולטור. ער דריקט זיך דאָרט אויס: „עס וואָלט בעסער געווען מיר זאָלען דאַרפען נור איין שפּראַך, על כל פּנים נור צוויי, מיר מוזען אָבער קענען אַלע ד ר י י“. פון די אַלע דריי שפּראַכען איז אָבער פאַר איהם אידיש די צוועקמעסיגסטע, די נאַטירליכסטע, די נויטיגסטע פאַר דער גייסטיגער ענטוויקלונג פונ'ם פאָלק. אין אַן אַנדער אַרטיקעל מיט'ן נאָמען „וואָס ווילען מיר?“, געשריעבען מיט צוויי יאָהר שפּעטער, לאַכט ער אויס אויפ'ן שאַרפסטען אופן אונזערע אינטעליגענטען, וועלכע רופען מיט פעראַכטונג דאָס איינפאַכע פאָלק „המון עם“ און צווייפלען, צי אידיש איז אַ שפּראַך. דעם גאַנצען וכוח וועגען דעם בעצייכענט ער אַלס „אַלטע בטלנ'יש־פילאָזאָפישע מיסט“.

פּרץ'ס בעציהונג צו אידיש, איז, אַלזאָ, דורכגעדרונגען מיט אַ טיעפען דעמאָקראַטיזם. ער קוקט ניט אויף די פאָלקס־מאַסען פון אויבען אַראָב; ער געהט „אין פאָלק“, ווייל ער ליעבט איהם, ווייל ער וויל זיך צונויפגיסען מיט איהם און מאַכען זיין לעבען ליכטיגער, שעהנער, ברייטער. ער קומט דעריבער ניט צום פאָלק

אלס מוסר־זאגער, ווי זיינע פארגעגנער אדער צייט־גענאסען, וועלכע האבען מיט גוואלד געוואלט ארויפצווינגען אויפ'ן „המון" זייערע משכיל'ישע אנזיכטען. אלס ריינער קינסטלער טרעט ער ארויס אין דער אידישער ליטעראטור, אלס קינסטלער, וועלכער וועקט אין די מאסען דאס בעגעהר צו שעהנהייט, וועלכער פיינערט אויס זייער געשמאק. ער ווענדט זיך ניט צו די מאסען אלס אן „אתה בחרתנו'ניק"; ער דענקט ניט, אז אידען זיינען אן אויסדערוועהלט פאלק; ער איז איבערצייגט, אז אלע פעלקער זיינען גלייך.

מיט אלע חושים פון זיין נשמה גלויבט פרץ, אז „די צוקונפט — ווי ער דריקט זיך אויס אין ארטיקעל „בילדונג" — איז א טינעל, אין וועלכען אלע מעטאלען וועלען זיך צושמעלצען און עס וועט ווערען א ג א ל ד ע נ ע צייט; ניט די אונוויסענדע צייט פון גן־עדן־הקדמון, פון וועלכער עס האט זיך אויך רוססא'ן געחלום'ט, נור די גאלדענע צייט, פון וועלכער ישעיה זאגט נביאות: „די גאנצע ערד וועט פול ווערען מיט קענען גאט, ווי דער ים איז מיט וואסערן פול. עס וועט איין פאלק געגען צווייטען ניט אויפהויבען קיין שווערד, מען וועט שוין קיין קריעג ניט לערנען". ער האפט — שרייבט ער אין זיין ארטיקעל „וואס ווילען מיר?" — „אז די צוקונפט וועט זיין דער אלגעמיין־מענשליכער שפייכלער, אין וועלכען עס וועלען אריינקומען אלע ווייצען, די גאנצע תבואה; א שפייכלער, וואס וועט שפייזען אלע גלייך, שפייזען יעדען אומגעפרעגט, ווער זיין זיידע איז געוועזען, און ניט געקוקט, פון וואס פאר א פארב זיין הויט איז"...

מיט אט דעם גלויבען און מיט אט דער האפנונג קומט פרץ אין דער אידישער ליטעראטור, און ער לאזט וויסען דער וועלט: „מיר ווילען די אלגעמיין־מענשליכע פאחן ניט ארויסלאזען פון דער האנד און מיר ווילען ניט זייען קיין שאוויניסטיש־ווילדע קרויט, קיין פאנאטישע דערנער און ניט דעם פערז פון בטלנ'ישער פילאזאפיע". „מיר ווילען דער איד זאל זיך פיהלען אלס מענש, ער זאל אנטייל נעהמען אין אלעם, וואס מענשליך איז, מענשליך לעבען און שטרעבען, און — ב ע ל י י ד י ג ט, זאל ער זיך פיהלען בעליידיגט אלס מענש"...

זייענדיג דורכגעדרונגען מיט אזעלכע אידעען, האט פרץ ניט געקוקט, ווי זיינע פארגעגנער און צייט־גענאסען, אויף דאס אידישע

פאָלק, ווי אויף אַן איינהייטליכער, אונדיפערענצירטער מאסע. פאַר איהם איז דאָס אידישע פאָלק געווען אַ לעבעדיגער אָרגאַניזם, צו־זאַמענגעשטעלט פון פערשיעדענע יחידים, גרופען און קלאַסען מיט זייערע בעזונדערע אינטערעסען, געפיהלען און שטרעבונגען. פרץ האָט געגלויבט אין דער לעבענס־קראַפט פון די מאסען און ניט געקלאָגט אויף גלות השכינה, אויף דעם טרויעריגען שיקזאַל פון אָרימען פאָלק ישראל, וועלכער איז אייביגע נע ונד, ווי דאָס האָט געטהאָן מענדעלע מוכר ספרים. איהם האָט דאָס אידישע לעבען ניט אויסגעזעהן בלויז אַלס גרויסע טאַרבע, ווי דעם זיידען פון דער אידישער ליטעראַטור. די אידען זיינען פיר איהם ניט געווען בלויז ווינד־מענשען, ווי פאַר שלום עליכם'ן. ער האָט אונז ניט גערופען צוריק צו דער אַלטער פערגאַנגענהייט, אין דעם הייליגען לאַנד פון אונזערע אבות, ווי פרוג.

געקומען איז פרץ צום פאָלק אַלס אייראָפּעער, אָנגעזאַפּט מיט דער וועלט־קולטור, אָנגעהויבט מיט די פרייהייטס־אידען פון דער נייער צייט. אויב עס זיינען אָבער נאָך ביי איהם פערבליבען שטרי־כען פון דער השכלה־עפּאָכע, האָט ער זיך פון זיי גיך בעפרייט, גלייך ווי ער איז געקומען אין נאָהענטער בעריהרונג מיט די אונטערדריקטע פאָלקס־מאַסען.

טיעף האָט ער אריינגעדרונגען אין די נשמות פון די קליינינקע מענשעלעך, פון די שטילע געדולדיגע האָרעפּאַשניקעס, און ער האָט אָנגעהויבען צו בעגרייפען, אַז ניט די השכלה קען זיי בעפרייען פון זייער יאָך, אַז ניט זי קען זייער פינסטער לעבען ליכטיגער מאַכען. עפּעס גרויסעס מוז געשעהן אין אונזער וועלטעל, אַ גאַנצע איבער־קעהרעניש מוז פאָרקומען אין דער פּסיכאָלאָגיע פון די מאַסען, כדי זיי זאָלען ווערען די טרעגער פון אַ שעהנער און ליכטיגער צוקונפט.

האָט פרץ זיין גאַנץ לעבען געאַרבייט פאַר אָט דער צוקונפט; און ער האָט מעהר ווי אַלע אַנדערע אידישע קינסטלער בייגעטראָגען, אַז די גרויסע איבערקעהרעניש זאָל פאָרקומען, אַז דאָס אידישע לעבען זאָל ווערען פול מיט פּראָטעסט, מיט קאַמפּפס־לוסט...

2.

פרץ און די סאָציאַליסטישע בעוועגונג.

ווען פרץ האָט אָנגעהויבען צו שרייבען אידיש, איז נאָך קיין אידישע ארבייטער־בעוועגונג אין רוסלאַנד ניט געווען. אַ טייל

פון דער אידישער אינטעליגענץ איז שוין געווען אָנגעהויבט מיט׳ן סאָציאַליזם ; דער אידישער בעל־מלאכה איז נאָך אָבער געווען פערזונקען אין פאנאטיזם און האָט קיין אהנונג ניט געהאט וועגען סאָציאַליזם, וועגען דער נויטיגקייט צו זיין אָרגאַניזירט. פּרץ זאָגט זיך דאַן אָב פון „חבת ציון" און שטעהט צו צו דער אידישער סאָציאַליסטישער אינטעליגענץ, ווייל ער פיהלט מיט זיין גרויסען גייסט, אַז נור דער סאָציאַליזם קען בעפרייען די אידישע מאסען פון זייער אונטערדריקונג און מאכען זיי פאר מענשען גלייך. ער ווערט זאָגאר דער וואָרט־פיהרער פון אָט דער אינטעליגענץ.

קיין אידישע סאָציאַליסטישע פּארטיי איז נאָך דאַן ניט געווען. אין פוילען האָט שוין עקזיסטירט די פוילישע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי (פּ. פּ. ס.), וועלכע איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון דער „נאַראָדנאַיאַ וואָליא". די פּ. פּ. ס. איז פאר פּרץ׳ן געווען אפילו צו ווייניג אידיש, דאָך האָט ער מיטגעהאָלפען מיט אַלעם מעגליכען איהרע אידישע פיהרער צו פערשפּרייטען די סאָציאַליסטישע אידעען צווישען די אידישע מאסען. ער וואַרפט זיך דאַן אַריין אין דער פּובליציסטיק. ער שרייבט אַרטיקלען, נאַטור־וויסענשאַפטליכע און סאָציאַלעקאָנאָמישע פּאָפּולאַריזאַציעס, קריטיק, פעליעטאָנען אונטער זיין אייגענער אונטערשריפט און אונטער די פּסעוודאָנימען י. ל. פּ., פלא"י, לצפר, בן־תמר, דר. שטיצער, „דער לץ פון רעדאַקציע", „לאָמפּענפּוצער", „היתום מנעמיראָוו" און אַנדערע.

אין זיין „אידישע ביבליאָטעק" פיהרט ער זאָגאר איין אַן „אָבטיילונג פיר בעלי־מלאכות", וואו ער שרייבט אליין אונטער די ראשי־תיבות י. ל. פּ. וועגען פערשיעדענע פּראָפעסיעס. ער ווייזט דאָרט אָן ווי אזוי צו לערנען זיך אַלערליי מלאָכות, ווי דער בעל־מלאָכה דאַרף זיך פיהרען, אָן וואָס פאר א סיסטעם ער דאַרף זיך האַלטען, כדי איינצוהיטען זיין געזונד און געניסען אַלץ מעהר פון זיין אַרבייט. ער פּרעדיגט דאָרט, אַז די בעלי־מלאָכות זאָלען זיך פעראייניגען צווישען זיך, דאַן וועט זייער אַרבייט זיין בעסער און זיי וועלען קענען מעהר פערדיענען. דאָס וועט זיי געבען א מעגליכקייט צו האָבען מעהר פרייע צייט און זיי וועלען זיך קענען פערנעהמען מיט זעלבסט־אויפקלערונג. ער מוסרט די בעלי־מלאָכות פאר זייער נאַכלעסיגקייט, פאַר זייער אונאָרענטליכער בענעהמונג

צום קונר, צום קונה ; פאר זייער שווינדלען, פאר זייער ניט בעזארגען זיך אויף שלעכטע צייטען, פאר זייער איילעניש און יאגעניש. ער גיט זיי עצות צו מאכען קאאפעראטיווע ווערקשטאטען, כדי זיי זאלען ניט דארפען אזוי פיעל לײדען פון די מייסטערס, פראצענטניקעס, סוחרים, מעקלער ; זיי זאלען זיך בעציהען צו זייער ארבייט ארענטליך, ערנסט, מיט ליעבע, ווי צו א קונסט, וועט זי פאר זיי ווערען א קוואל פון גייסטיגען פערגעניגען.

די ארבייט דארף, לויט פרץ'ס מיינונג, אויפהויבען דעם מענשען צו א העכערער מדרגה, מאכען געזונד זיין גוף און גאנץ זיין גייסט. ער וויל דעריבער, אז די אידען זאלען אויפהערען צו זיין בלויז האנדעלס־לייט, נור זיי זאלען זיך פערנעהמען מיט פראדוקטיווער טהעטיגקייט, זיי זאלען ווערען בעלי־מלאכות, פאבריק־ארבייטער ; דאן וועט מען אויפהערען צו קוקען אויף זיי ווי אויף פאראזיטען. ער רופט דאס פאלק צו בילדונג, צו אקטיווימעט. כדי אלץ מעהר אויפצואוועקען די מאסען, לאזט ער דערנאך ארויס זיינע „יום־טוב־בלעטלעך“, וועלכע מאכען א גאנצע עפאכע אין דער אידישער ליטעראטור.

ווען עס גרינדעט זיך דער „בונד“, שטעהט פרץ נאהענט צו איהם. ער געפינט זיך אין ענגע בעציהונגען מיט דער בונדישער אינטעליגענץ ; ער טרעט אפט ארויס פאר'ן „בונד“ מיט אונלעגאלע רעפעראטען און פארלעזונגען און בעציהט זיך מיט אן אמת'ער יראת הכבוד צו דעם ערוואכטען אידישען ארבייטער. פרעגט איהם אן ארבייטער א פראגע, פיהלט ער זיך גליקליך ; ער זעהט מיט זיינע אייגענע אויגען, ווי זיין ארבייט ברענגט גוטע פרוכט, און זיין טהעטיגקייט ווערט נאך אנגעשטרענגטער, ענטוזיאסטישער. *) די „יום־טוב־בלעטלעך“ ווערען דאן פערשפרייט צווישען די מאסען. מען לעזט זיי אין די ארבייטער־קרייזלעך, מען דיסקוטירט זיי אויף די „בירזשעס“. יעדע שורה אין זיי ווערט שטודירט, געלערענט מיט'ן גרעסטען ערנסט. פערשטעלטערהייד מיט א סך פינטעלעך ווערען דארט ארויסגעזאגט ריין סאציאליסטישע געדאנקען, און

---

*) די ערשטע אונלעגאלע פערזאמלונג, וואס דער שרייבער פון אט די צייל_en האט בייגעוואוינט, איז געווען פרץ'ס א רעפעראט אין ווארשא וועגען דער ענטוויקלונג פון רעליגיאן. ש. ע.

מען שעצט די „יום־טוב־בלעטלעך“ ניט ווייניגער ווי די אונלעגאלע ביכלעך מיט די שווארצע טאָוולען. פון דאַן אָן פיהלט פּרץ אַ טיעפע ליעבע צום „בונד“, און אין יאָהר 1905 ערקלערט ער עפענטליך אין דער פּרעסע, אַז די איינציגע אידישע פּאַרטיי, מיט וועלכער ער סימפּאַטיזירט, איז דער „בונד“.

עס איז ניטאָ קיין איין וויכטיגע קולטורעלע אונטערנעהמונג, אויף וועלכער דער „בונד“ זאָל פּרץ'ן איינלאַדען און ער זאָל זיך אָבזאָגען. ווען נאָך די „פּרייע טעג“ גרינדעט זיך אין ווארשע אַ פּאָלקס־אוניווערזיטעט און עס עפענען זיך אבענד־שולען פאַר אַרבייטער, לויט דער איניציאַטיוו פונ'ם „בונד“, נעהמט פּרץ אין זיי אָן אַקטיווען אַנטייל. ער שטימט אפילו איין צו פאָהרען אין איינִיגע שטעדט ארויסצוטרעטען אויף אונטערנעהמונגען פונ'ם „בונד“ אויף אָנצופיהרען די וואַהל־קאַמפּאַניע פון דער צווייטער „גאָסודאַרסטווענער דומע“. אין די לעצטע יאָהרען ווערט ער, אמת, ווייט פונ'ם „בונד“, אָבער ביי יעדער געלעגענהייט ערקלערט ער, אַז דער „בונד“ איז איהם שטענדיג נאָהענט, נאָהענטער פון אַלע אַנדערע אידישע פּאַרטייען, אַז זיין ליעבע צו איהם איז געבליבען די זעלבע, ווי פריהער.

אין יאָהר 1899 ווערט פּרץ זאָגאַר אַרעסטירט פאַר זיין צו נאָהענטער מחותנ'שאַפט מיט דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג. ער זיצט דאַן אָב דריי מאָנאַטען אין ווארשעווער ציטאַדעל פיר זיין ארויסטרעטען מיט אַ פאָרלעזונג אויף אַ בלומר'שטען „תנאים“. ער קומט אָבער ארויס פון ציטאַדעל נאָך קאַמפּפסלוסטיגער, נאָך מעהר בעריייט צו ארבייטען פיר דער אָנגעפאַנגענער זאַך. זיין טאַלענט איז אין פולען בליהען, זיין ווירקונג אויף די ראַדיקאַלע קרייזען איז אונגעהויער. פּרץ איז דאַן דער גאָט פון די אידישע בעוואוסטזיניגע ארבייטער און דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער אינטעליגענץ. אויף זיינס אַ וואָרט ווארט מען מיט'ן גרעסטען אונגעדולד. זיין יעדע נייע זאַך ווערט איינגעזאַפט געשלונגען. מען לעזט אין די שורות און צווישען די שורות; מען וויל זיך אין די פיעלע פינטעלעך דערגראָבען ביז'ן עצם, ארויסלעזען פון זיי וואָס דער קינסטלער האָט ניט געוואָלט אָדער ניט געקאָנט דערזאָגען צוליעב פערשיעדענע אורזאַכען....

אין יענער צייט שאַפט פּרץ כמעט הויפּטזעכליך רעאַליסטישע

זאכען, אין וועלכע עס ווערט געשילדערט דאָס אָרימע אידישע לע־בען, אָדער קאָמפּאָס־מאָטיוון אין לידער און פּראָזע. ער פער־פאַסט זאָגאר א גרעסערע ערצעהלונג אין בריעף פונ׳ם ארבייטער־לעבען מיט נאָמען „וועבער־ליעבע“, וועלכע ער פערעפענטליכט אין יאָהר 1897 אונטער׳ן פּסעוודאָנים „פלא“י“ אין ניו־יאָרקער „זונטאָגס־אבענד־בלאַט“.

די ערצעהלונג טראָגט אַן אגיטאַציאָנס־כאַראַקטער. אין איהר ווערט געשילדערט די טרויעריגע לאַגע פון די ארבייטער אין פער־שיעדענע פאַכען, און עס ווערט ערקלערט אין א פאָפּולערער פאָרם די סאָציאַליסטישע לעהרע. פון א קינסטלערישען שטאַנדפּונקט האָט „וועבער־ליעבע“ א קליינע בעדייטונג, כאָטש זי האָט אין זיך שטעלען, וואו עס פיהלט זיך פריש; בעזונדערס ווען עס ווערט גע־שילדערט דעם וועבער׳ס ליעבע צו דעם שוסטער׳ס שוועסטער און דער טרויעריגער שיקזאַל פון דעם וועבער׳ס פאָטער, וועלכער איז אליין געווען א וועבער און איז געשטאָרבען פון אסטמע. דאָס זיינען ריהרענדע שטעלען.

אלע בריעף, חוץ איינעם א קליינטשיקען, זיינען געשריעבען פון וועבער צום שוסטער. דער וועבער איז פערוואָגעלט אין א פרעמדער שטאָדט, ער איז שוין א בעוואוסטזיניגער ארבייטער און ער פערשטעהט פאר וואָס ער ליידט אזוי. דער שוסטער איז אָבער א פינסטער, פאַנאַטיש מענשעל, וועלכער נעהמט אָן אלץ פיר גוט, אז עס קומט פון רבונו של עולם; ווען ער דערוויסט זיך, אז זיין צוקינפטיגער שוואָגער, דער וועבער, איז א „בונטאָווטשיק“ און וויל קומען צוריק א היים, לאָזט ער יענעם ,אין קליינטשיקען ברי־וועל, צו וויסען, אז ער שדכנ׳ט שוין זיין שוועסטער פיר אַן אלמן; דער וועבער זאָל, אלזא, ניט וואגען צוריקקעהרען זיך און קאליע מאכען דעם שידוך, ער איז א קנאפּע מציאה...

דער קאָנטראַסט צווישען אָט די ביידע בעלי־מלאָכות איז זעהר א שאַרפער, און די ערצעהלונג האָט, אָהן צווייפעל, געמוזט עפענען די אויגען פון פיעלע אידישע אַרבייטער און זיי צווינגען צו פערטראַכטען זיך איבער דער היינטיגער אָרדנונג. אין אלגע־מיין גענומען האָט אָבער „וועבער־ליעבע“ מעהר ניט ווי א היסטאָ־רישען ווערטה. גאַנץ אָפט גיט אין איהר א בליץ א שעהנער גע־דאַנק, א געלונגען ווערטעל, א וויציגער משל, עס בעמערקט זיך

אַן אויפּריכטיגער פּאַטהאָס. דאָך איז זי ניט אַוועק ווייטער פון טענדענציעזער פּובליציסטיק, געשריבען כמעט אין אַ טאָן פון אַ האַלב־בעלעטריסטישער פּראָקלאַמאַציע, וואָס איז אַפּעלירענד צו די ברייטע מאַסען.

פּרץ, ווייזט אויס, האָט אַליין פון „וועבער־ליעבע" נישט שטאַרק געהאַלטען, והראיה, ער האָט זי אַפילו ניט אַריינגענומען אין זיינע געזאַמעלטע ווערק, ווען דאָס איז שוין געווען מעגליך צוליעב די צענזור־בעדינגונגען אין רוסלאַנד. ער האָט אין איהר מעהר ניט אויסגעדריקט זיין סאָציאַליסטישען „אני־מאמין", און אין דעם פּרט איז זי זעהר כאַראַקטעריסטיש פאַר'ן פּרץ'ן פון יענעם פּעריאָד. ער איז דאַן דורך און דורך סאָציאַליסט, און זיינע זאַכען, וואָס האָבען אַן אָפענעם רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישען כאַראַקטער, דרוקט ער אין אַמעריקאַ אין דער אַרבייטער־פּרע־סע. אָהער שיקט ער צו דאָס אמת טריפה, דאָס אמת פערבאָטענע, — זיינע גאַליגע סאַטירעס אויף דער רוסישער רעגיערונג, ווי „מלכותא דארעה כמלכותא דרקיעה", „צום פעטער עשו", און אַנ־דערע עהנליכע זאַכען. די פערשטעלטע „קראַמאָלע" מיט די פּינ־טעליך איבער פינטעליך פערעפענטליכט ער ביי זיך אין דער היים. זיין איינפלוס אויף דעם אידישען אַרבייטער־לעזער פון ביידע זיי־טען ים וואַקסט דעמאָלט וואָס פון טאָג. ביי די פרומע איז ער טריף, ווי חזיר. עס בעציהען זיך צו איהם מיט אַ פערדאַכט זאָגאַר די היינטוועלטיגע נאַציאָנאַליסטען פון ציוניסטישען לאַגער; ער איז פאַר זיי צו ראַדיקאַל, צו רעוואָלוציאָנער...

אמת, מיט דער צייט ווערט פּרץ בעליעבט ביי אַלע שיכטען. אַלע אַנערקענען זיין גרויסקייט, דעם טיעפען נאַציאָנאַלען ווערטה פון זיינע ווערק. די איינציגע, וואָס טראָגען אויף איהם, ווי פריהער, אַ ביטערען האַס, זיינען, נאַטירליך, די אָרטאָדאָקסען; קיינער רעכענט זיך אָבער מיט זיי ניט, ווייל זייער ראָלע אין אידישען לעבען איז שוין אונבעדייטענד און זיי האָבען ניט קיין ווירקונג אויף די ברייטע פאָלקס־מאַסען. אַפילו די אַלגעמיינע ציוניסטען, וואָס מאַכען נאָך חנ'דלעך צו די רבנים און רביים, גיבען זייער הסכמה אויף פּרץ'ן, הגם ער איז, ווי אימער, זייערער אַן אויסגע־שפּראָכענער געגנער. זיי נעהמען אַ גרויסען אַנטייל, צוזאַמען מיט אַנדערע אידישע ראַדיקאַלע פּאַרטייען און גרופּען, אין דעם יובי־

לעאום פון זיין פינף און צוואנציג יאָהריגער ליטעראַרישער טהעטיגקייט און אין דער פייערונג פון זיין זעכציג־יאָהריגען געבורטסטאָג.

פּרץ ווערט דער דיכטער פון'ם גאַנצען פאָלק. ער שילדערט אין זיינע ווערק אַלע קלאַסען אידען. ער בלייבט אָבער, ווי פריהער, דער זעלבער רעוואָלוציאָנער, אפילו ווען ער געהט אינגאַנצען אריבער צו ראָמאַנטיק און סימבאָליק. מיט דער זעלבער ליעבע צו די אָרימע און פיינדשאפט צו די רייכע איז דורכגעדרונגען אויך זיין ווייטער שאפען, ווען ער דערוויטערט זיך אַלץ מעהר פון רעאַליזם...

3.

די ארבייטס־מענשען ביי פּרץ'ן.

די אידישע ארבייטס־מענשען, וואָס פערדיענען זעהר שווער זייער ברויט, בילדען מיט זיך אַ גאַנץ בעזונדער וועלטעל אין פּרץ'ס ווערק. דער קינסטלער ברענגט בולט ארויס די ליידען און פרייידען, די דאגות און האָפנונגען פון די פערהאָרעוועטע פאָלקסשיכטען, און עס וואַקסט פאר אונז אויס אַ מערקווירדיג־רייכע פּאַנאָראַמע פון דעם אידישען דלות. דעם דלות זעהען מיר דאָ ניט אין זיין נאַקעטער געשטאַלט, ווי אזוי ער ווירקט אויף דער אויסערליכער אומגעבונג, נור ווי אזוי ער שפּיעגעלט זיך אָב אויף דער פּסיכאָלאָגיע פון זיינע טרעגער, ווי אזוי ער רופט זיך אָב אויף זייער אינערליך וועזען, ווי ער דרינגט דורך זייערע נשמות...

שוין אין זיין ערשטער ערצעהלונג דער „משולח" ענטדעקט פּאר אונז פּרץ די גאַנצע שעהנע, צאַרטע נשמה פון אַן אָרימען אידישען האָרעפּאַשניק. שמריה דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט פיהרט זיין גאַנץ לעבען זעהר אַ טרויעריגע עקזיסטענץ. גענוג האָט ער זיך אָנגעליטען פיר זיין פינף און צוואַנציג יאָהריגער „סלוזשבע". אַרבייט ער נאָך מיט'ן גאַל אויך אויף דער פריי צו פערדיענען זיין ברויט. ער געהט מיט פערשיעדענע שליחות פאַר די סוחרים פון שטאָדט. קיין מאָל ווייס ער ניט פון קיין רוה, ער זאָל ניט דאַרפען זאָרגען פאַר'ן מאָרגענדיגען טאָג, כאָטש ער טראָגט מיט זיך גרויסע סומען געלד. ער איז אָבער די אָרענטליכקייט אַליין, און ער וועט אַ פרעמדענס אפילו אַ האָר ניט אָנריהרען. געהט ער דאָס

אין אַ ווינטערדיגער, פראָסטיגער נאַכט מיט אַ שליחות צו אַ בריז פון אַ שכנות'ישער דאָרף.

שמריה איז שוין אַלט זיעבציג יאָהר, און זיינע כחות זיינען שוואַך, אויסגעאַרבייט. ער איז איינזאַם, ווי אַ שטיין. זיין אַלטע, וועלכע ער האָט געליעבט מיט'ן גאַנצען האַרצען, איז טויט; די קינדער האָבען איהם פערלאָזען, און אין וועג דערמאָהנט ער זיך אָן דעם אַלעם. ער פיהלט, אַז דער אָטהעם ווערט איהם אַלץ קירצער, אַז די פיס בויגען זיך איהם אונטער. ער גיט זיך צו קוראַזש און געהט ווייטער; ער וויל זיך ניט אונטערגעבען און זעצען זיך אַ ביסעל אָברוהען. דער ניקאָלאַיעווסקער סאָלדאַט איז אין גרעסערע פרעסט געגאַנגען מיילענווייז צו פוס. ער טראָגט דאָך מיט זיך פרעמד געלד; קען ער נאָך אַנשלאָפען ווערען און מען וועט עס ביי איהם אַרויס'גנב'ענען. אַם ענדע ווערט ער אָבער אַזוי אָבגעשוואַכט, אַז ער מוז זיך צוזעצען אויף אַ בערגעל שנעע. דער פראָסט נעהמט איהם אַרום, דרינגט דורך אַלע זיינע גליעדער און ער ווערט פערפרוירען. אויף מאָרגען געפינט מען איהם אַ טויטען מיט דער האַנד אויף דער בוזים־קעשענע, וואו עס איז געלעגען דאָס פרעמדע געלד, וואָס ער האָט געטראָגען מיט זיך.

דער אַלטער אומגליקליכער משולח איז געבליבען טריי צו זיך אַליין. אפילו אין די לעצטע מינוטען פון זיין לעבען היט ער דאָס פרעמדע, דאָס אָנגעטרויטע צו איהם, ווי דאָס אויג פון קאָפּ.

נאָך אַ גרעסערען גראַד אָרענטליכקייט ווייזט אַרויס טוביה טרעגער מיט זיין ווייב סערעל פון דער פאָלקסטהימליכער מעשה'לע „זיעבען גוטע יאָהר". דער משולח ריהרט ניט אָן קיין פרעמד אייגענטהום, הגם ער אַליין ליידט הונגער און דחקות. טוביה מיט זיין ווייב טשעפּען אָבער אפילו ניט די אייגענע עשירות, דערפאַר וואָס דאָס איז זיי אָנגעקומען צו לייכט, דורך אַ נס.

טוביה איז אַ שרעקליכער אביון. ער האָט ניט פון וואַנען אַ טאָג דורכצוקומען. שטעהט ער אַזוי איין מאָל אַ דאָנערשטאָג אין מאַרק און קוקט אויס אויף אַ פערדיענסטעל, אַז ער זאָל האָבען מיט וואָס שבת צו מאַכען. ער איז זעהר פערזאָרגט און פערצווייפעלט. טהוט ער תפילה צו גאָט, אַז ער מיט זיין פאַמיליע זאָלען ניט האָבען קיין פערשטערטען שבת. פּלוצלינג ערשיינט פאַר איהם אליהו הנביא אין דער געשטאַלט פון אַ דייטשעל און זאָגט איהם אָן, אַז

איהם זיינען בעשערט זיבען גוטע יאָהרען, „זיעבען יאָהר פון מזל און הצלחה און אוצרות געלד". עס ווענד זיך בלויז אָן איהם, ווען די גוטע יאָהר זאָלען קומען, ווייל ווען זיי וועלען פאַראיבער, וועט ער צוריק ווערען אַן אָרימאַן. ער קען זיי האָבען שוין, דאַן וועט ער שטאַרבען דער זעלבער אביון, אָדער זיי קענען זיין צום סוף פון זיין לעבען, דאַן „וועט ער אוועקגעהן פון דער וועלט דער גרעסטער גביר".

ווען טוביה ערקונדיגט זיך, אז דער דייטשעל איז טאַקי א שליח פון גאָט, איז ער זיך מישב מיט זיין סערל'ען, און ביי זיי ווערט בעשלאָסען צו האָבען די זיעבען גוטע יאָהר גלייך. זייער פערלאַנג ווערט ערפילט. ארום זייער שטיבעל הינטער דער שטאָדט שאַרען ארויס די קינדער ריין גאָלד פון זאמד, און טוביה ווערט אויפגע־ריכט. סערעל נעהמט איבער די עשירות אין איהרע הענד.

דער טערמין ענדיגט זיך, און ווען דער דייטשעל זאָגט עס אָן, נעהמט סערעל אויף די בשורה מיט א שמייכעל. זי ענטפערט איהם „אז זיי האָבען קיין גוטע יאָהר נאָך נישט אָנגעהויבען צו האָבען, אז זיי האָבען קיין מאָל ניט געהאַלטען דאָס געלד פאַר זייער אייגענס, ווייל וואס א מענש פערדיענט מיט זיינע צעהן פינגער, דאָס איז זיינס, און אזוי עשירות, וואָס קומט אָהן שוויים און אונגעזוכט, איז נאָר א פקדון, וואָס זיין ליעבער נאָמען לאָזט איבער ביי מענשען אין די הענד פאַר אָרימע לייטס וועגען... זי האָט נאָר פון גאָלד אויף שכר למוד גענומען, דאָס איז גאָטס תורה, מעג מען פאַר זיין תורה מיט זיין גאָלד בעצאָהלען, מעהר נישט! און אויב זיין ליע־בער נאָמען האָט פון היינט אָן א בעסערען בעל פקדון פאַר זיין גאָלד, מהיכא תיתא, זאָל ער צונעהמען און איבערגעבען אַן אַנדערען!"...

פאַר אזא אָרענטליכקייט בעצאָהלט גאָט טוביה'ן און זיין ווייב סערעל מיט גוטע יאָהר ביז'ן ענד פון זייער לעבען.

טוביה מיט זיין ווייב האָבען, אלזא, פון גאָלד, וואס איז זיי אָנגעקומען אָהן פראצע, ניט געוואָלט אָנריהרען. זיי האָבען ניט געוואָלט לעבען אין עשירות כל זמן זיי האָבען עס אליין מיט זייער אייגען שוויים ניט פערדיענט, און דערין ליעגט זייער קראַפט.

אמת, שמערעל האָלץ־העקער פון דער מעשה'לע „דער אוצר", וועלכער איז ניט קיין קלענערער אביון פון טוביה'ן, זאָגט זיך ניט אָב פון אוצר, וואס גאָט שיקט איהם צו. ער וואַרט דערויף, ער

טרוימט וועגן דעם, און ווען זיין טרוים ווערט פערווירקליכט, לעבט ער טאקי ווי א גביר שבגבירים; ער בלייבט אבער ווי פריהער ארענטליך, ריין און נאאיוו. דאָך איז ער אן ארבייטס־מענש, ביי וועמען ארענטליכקיים, ריינקייט און נאאיוויטעט זיינען איינגעבוירענע זאכען....

מיט נאָך א זאך צייכנען זיך אוים די ארבייטס־לייט: זיי פערמעגען א מערקווירדיגען גלויבען, וואס טראגט ביי זיי דעם כאראקטער פון אן אמת'ען אידעאל. פאר אָט דעם גלויבען זיינען זיי גרייט זיך אפילו מקריב צו זיין, און דעריבער זיינען זיי עם אזעלכע חשובים ביים רבנו של עולם.

„סאטיע", דער אידישער פישער פון דער מעשה'לע „נסים אויפ'ן ים", איז פערגרעבט ביז גאָר, אן אמת'ער גוי. ער ווייס ניט וואס א אידישער יום טוב איז, האָט ניט קיין אהנונג אפילו וועגן דער בעדייטונג פון יום כפור, ווען ער איז פול מיט אן אינסטינקטיוועז פורכט פאר גאָט. דאָך איז ער א מערקווירדיג־סימפאטישער טיפ, און זיין שטומע נשמה איז א קוואל פון פּאָעזיע. ער, זיין ווייב און זיינע קינדער ארבייטען זעהר שווער. זיין לעבען פון א פישער איז פול מיט סכנה. פון דעסטוועגען האָט ער פיינט די שטאָדט: „זי איז עפּעס אָהן לופט און אָהן הימעל". דערפאר ליעבט ער דעם ים, די רחבות ארום, און זיין איניגסטער וואונש איז, אז ער זאָל בעגעגנען זיין טויט אין די איינשלינגענדע כוואַליעס, אזוי ווי דאס האָט פאסירט מיט זיין פאָטער, זיידע און עלטער־זיידע.

זיין איינציגער צובונד צו אידישקייט בעשטעהט דערין, וואס אלע יאהר פאר יום־כפור קלייבט ער אוים דעם גרעסטען פיש און פיהרט איהם אוועק אין דער האַלענדישער שטאָדט אריין צום קהל'שען שוחט. דאָרט זיצט ער מיט זיין פאמיליע אין מקום קדוש און הערט מיט גרוים יראת הכבוד כאָר און אָרגעל א ו מ ג ע ג ע ס ע ן. ער שעצט זיך גליקליך, וואס ער קען ברענגען פאר קהל דעם גרעסטען פיש אויף יום כפור. דאָס איז פאר איהם ניט נור א מנהג, נור דערין דריקט זיך אוים זיין טיעפע אמונה, זיין הייליגסטער אידעאל. ער געהט צוליעב דעם אויף קידוש השם און קעמפפט אויף לעבען און טויט מיט'ן צואווילדעטען, סכנות'דיגען ים. ער טראָגט זיך מיט זיין שיפעל אויף די צו'כעס'טע כוואַליעס ;

דער תחום שלעפט איהם צו זיך, אבער ער ווענדט ניט קיין אויפ־מערקזאמקייט אויף קיין זאך. זיין שטומע נשמה איז פול מיט אפפערוויליגקייט פאר דעם, אין וואס ער גלויבט, וואס איז פאר איהם א געבאט. דעריבער פערהיט איהם גאט פון סכנה. ער איז דאך איהם טריי און איבערגעבען שטומערהייד, אין זיין טיעפער אונוויסענהייט.

צוליעב דער זעלבער איבערגעבענהייט צו גאט האט יוחנן וואַ־סערטרעגער פון דער מעשה׳לע „א קאפיטעל תהלים" א גרעסערע דעה אין הימעל איידער אפילו דער „אורח חיים". ער בע־זארגט אלע לומדי תורה מיט וואסער און פיהלט שטענדיג ווער פון זיי איז טאקי איבערגעגעבען צום לערנען מיט לייב און לעבען און ווער ניט. א דאנק איהם האט עס דער „אורח חיים" אויפ־געדעקט דעם זינדיגען פרוש.

דער פרוש איז געוועזן אן אויסוואורף און האט אין אן אלטער חורבה הינטער דער שטאָדט געפראוועט ביי נאכט ווילדע הוליאנ־קעס מיט לילית׳ן און אנדערע ניט־גוטע. דער „אורח חיים" האט אבער מיט זיינע כונות און השבעות ניט געקענט בייקומען לילית׳ן מיט איהר ממשלה, און דערגרייכט האט עס בלויז יוחנן וואסער־טרעגער; ער האט געבאפט א האק און געמאכט א סוף צו לילית׳ן.

יוחנן, דער פראסטאק, דער עם הארץ, פון וועמענס עברי אלע לאכען, האט, אלזא, „א גרעסערען חוש הריח צו דערקענען לומדי תורה, וואס דער אורח חיים האט עס נישט", און „ער האט מעהר גע׳פועל׳ט מיט דער האק אין האנד, ווי דער „אורח חיים" מיט די כונות אין מוח". אזא מאכט האט ער עם מיט זיין טיעפען גלוי־בען, מיט זיין גוטסקייט, מיט זיין זארגען זיך פאר׳ן כלל, דערמיט, וואס ער איז „א נהנה מיגיע כפו", וואס ער ארבייט אליין שווער און וויל צו קיינעם ניט אנקומען...

ווען דער וואסערטרעגער פון דער סימבאלישער דראמע „ביי נאכט אויפ׳ן אלטען מארק", שלעפט פולע קאנען, האט ער, ווי יוחנן, בלויז איין זאך אין זינען:

גרויסע היצען, שטארקע היצען
און אין בית המדרש זיצען
לומדי־תורה, און זיי שוויצען,
און עס קלעפט זיך זיי די צונג. —

באלד, באלד,
ר' קריגט א טרונק!
ד' ברענג אייך וואסער פריש און קאלט,
ד' וועל אייך מים חיים געבען.

דער האלץ העקער פון דער זעלבער דראמע טראגט אויף די פלייצעס א בינד האלץ אויף מיט'ן צוועק אנדערע צו בעשיצען פון קעלט:

דער פראסט איז גרויס;
קינדערלעך — נאקעט און בלויס;
איז זיי, נעבעך, קאלט א מורא;
נישט געהייצט די תלמוד־תורה...
אויף די בעקלעך פרירען טרערען,—
באלד, באלד,
ד' טראג אייך האלץ, האלץ פון וואלד...
און עס וועט אייך ווארים ווערען....

אט אזוי ארענטליך זיינען עס די ארבייטס־מענשען, אזוי זארגען זיי עס פאר טובת הכלל, כאטש זיי אליין ליידען מיט זייער פאמיליעס די גרעסטע נויט. די נויט דערגעהט אזוי ווייט, אז מענדעל וואסער טרעגער, פון „דער תענית", מוז אבנארען זיינע הונגעריגע קינדערלאך, ווייל ער האט ניט פערדיענט אפילו אויף א שטיקעל טרוקען ברויט, אז א ספר תורה איז אראבגעפאלען אויף דער ערד, דעריבער מוזען זיי פאסטען. דאך זיינען זיי, די ארבייטס־לייט, שטענדיג פול מיט גלויבען, מיט אפפערווילינקייט, מיט ענטשלאסענהייט, מיט ליעבע צו זייערע מיטמענשען, און דאס מאכט זיי בעזונדער סימפאטיש. אלע זיינען זיי, אמת, עמי־הארצים, אבער אין זיי שטעקט עפעס הייליגעס, געטליכעס. זיי ווייסען ניט פון קנאה. זייער אייגען לעבען אינטערעסירט זיי ניט, אבי גאט און לייט זאלען זיין צופריעדען, אבי זיי זאלען קענען טהאן טובות און מצוות.

צוליעב אט די מעלות זייערע זיינען די ארבייטס־מענשען זעהר שטארק בעליעבט ביי די אמת'ע צדיקים. אלע לעבען זיי דאך פון זייער אייגענער פראצע, ווערען זיי איינפאך פערגעטערט פון די צדיקים, וועלכע פרץ שטעלט ארויס אלס זעלטענע אידעאליסטען. דער „אורח חיים" האלט פון יוחנן וואסערטרעגער אן עולם ומלואה; ער גיט איהם צו מעהר בעדייטונג, ווי זיך אליין, און איז פול מיט

עהרפורכט פאר איהם. וועלוועל שוסטער פון דאס רייזע־בילד „דער למד׳וואָוו׳ניק" קען אפילו ניט מעביר זיין די סדרה, דאָך זאָגט אויף איהם דער רב, אז זיין תהילים־זאָגען לעבערט אַלע זיעבען הימלען. ווען מען ווענדט זיך צום לובלינער רב פון דאָס רייזע־בילד „דאָס וואַסערעל" נאָך אַ וויכטיגער עצה, שיקט ער אָב צו ליבל קירזשנער, וועלכער וויים אפילו ניט „אשרי" אויסענווענדיג.

נאָך מעהר: די אמת׳ע צדיקים, וועלכע קענען אַלץ פּועל׳ען ביי גאָט, פערשטעלען זיך ניט פאר קיין גבירים, פאר רייכע בעלי־צדקות, כדי בעסער צו דיענען דעם אַרימען פאָלק, נאָר פאר פשוט׳ע האַרעפּאַשניקעס. דער נעמיראָווער רבי פון „אויב נישט נאָך העכער" ווערט סליחות־צייט פערוואַנדעלט אין אַ פּראָסטען פויער; ער געהט אוועק אין וואַלד אריין מיט אַ האַק אונטער׳ן פּאַס, כדי אָנצוהאַקען האָלץ פאר אַ קראַנקער אלמנה, אַז זי זאָל ניט ליידען קיין קעלט.

אזוי טהוען פערשטעלטערהייד די אָפענע אַנערקענטע צדיקים. איז שוין אָבגערעדט וועגען די פערבאָרגענע, די למד׳וואָוו׳ניקעס, פון וועלכע קיינער וויים ניט. אויב די אָפענע צדיקים שטעהען העכער פונ׳ם פאָלק, זיינען מנהיגים, פיהרער, זיינען די פערבאָרגענע צדיקים די איינפאַכסטע פאָלקס־מענשען, וועלכע טיילען זיך מיט קיין זאך ניט אוים פון די אַרומיגע קליין־מענשעלעך. עס איז שוין זאָגאר אַ כלל, ווי עס ווערט אָנגעמערקט אין דאס רייזע־בילד „דער למד׳וואָוו׳ניק", אַז אַ פערבאָרגענער צדיק מוז דאָך זיין אַ נהנה מיגיע כפו, אַ פּראָסטער ארבייטס־מענש.

יוחנן וואַסערטרעגער, וועלוועל שוסטער, ליבל קירזשנער, למך פון „ענטפלעקט" זיינען למד׳וואָוו׳ניקעס און בעזיצען אַזאַ מאַכט, ווייל זיי האָבען טיעף־פיהלענדע הערצער און וואונדערבאַר־ריינע נשמות. אַ שטיל, אונבעמערקבאַר לעבען פיהרען זיי און ווערען נתגלה דורך אַ צופאַל, אין אַן עת צרה, ווען מען דאַרף פערהיטען דעם כבוד פון דער הייליגער תורה, ווען דאָס פאָדערען די אינטערעסען פון כלל, פון ליידענדע און נויט־בעדירפטיגע.

„דער בעל־עגלה" פון דער פּראַכטפאָלער ערצעהלונג אין גראַמען אונטער דעם זעלבען נאָמען, איז, אמת, שוין ניט קיין למד׳וואָוו׳ניק, אפילו ניט קיין שטיקעל צדיק. ער איז שוין מעהר אַ היינט וועלטי־

נער הארעפּאשניק פון א גאנץ יאהר. דאך האט ער אין זיך די זעלבע אמונה, דעם זעלבען בטחון, די זעלבע תמימות, וואס די פארצייטיגע ארבייטס־מענשען. ער טראגט אין זיין הארצען א טיעפע טראגעדיע, אבער ער פאלט ביי זיך ניט אראב. ער נעהמט אן אלץ פאר גוט, און זארגט נור פיר אנדערע.

דער בעל־עגלה איז גראד ניט קיין עם הארץ. אינגעלוויז האט ער געלערנט אין חדר און אין די עלטערע יאהרען געהאלטען צוזאמען מיט אנדערע פון זיין גלייכען „א רבי'ן אויף חומש מיט רשי". ביי דעם זעלבען רבי'ן האט דערנאך געלערענט זיין בן יחיד נטע'לע, וועלכער האט געגעבען גוטע האפנונגען מיט זיינע פעהיגקייטען.

אמאל, ווען קיין באהן איז נאך ניט געווען, האט דער בעל־עגלה בעזארגט דאס שטעדטעל מיט אל־דאס־גוטס. ער פלעגט פאהרען אויף זיינע „פערד, ווי לייבען" אין דער גובערניע אריין, אפילו קיין לעמבערג, קיין קראקע, קיין פרייסען. קיין גרויסע גליקען האט ער אמת ניט געמאכט; ער פלעגט ארבייטען, ווי אן עזעל; אבער ער איז געווען א שמח בחלקו, שטאלץ ביי זיך, וואס מען טרויט איהם טויזענדער רובעל. זיין ווייב פריידעל איז געווען א אידענע א בריה, א זאגערקע אין דער וויבערשער שוהל, און ער האט מיט איהר געלעבט גליקליך. אמאל אונטערוועגענס פלעגט ער אפילו כאפען „א קאפ" אין מויל אריין, און עס פלעגט זיך ביי איהם ארויסרייסען „אן איבעריגע קללה, אן אומזיסטיגע בייטש" אויף זיינע פערד. דאס פלעגט איהם אבער דערנאך שטארק פערדריסען, ווייל עס איז דאך „א צער בעלי חיים".

איז ער געקומען אויף שבת אהיים, האט ער קיינמאל ניט פערגעסען צו ברענגען עפעס א געשענק פאר דער בעל־עגלה'שער שוהלכעל, צו נעהמען אן אורח צום טיש. ער איז דאן פערוואנדעלט געווארען אין אן אמת'ען פרינץ. נטע'לע זיין זוהן האט חתונה געהאט מיט עקיבא דעם שוסטער'ס א טאכטער, א מעדעל— א רויז, און צו די עלטערענ'ס נחת איז קיין גרענעץ ניט געווען; דער שווער פלעגט אפט פיהרען פאר דאס יונגע פּארעל אין דער בריקע פערשיעדענע מתנות, — א וויעג, א פלאש וויין. אזוי האבען זיי יאהרענלאנג געלעבט אין שלום און צופריעדענהייט.

איז אבער געקומען די „הינטישע" באהן און געמאכט א חורבן פון אלץ. די בעלי־עגלות זיינען אראב פון דער סצענע; אוים

בעל־מלאכות; אוים בעלי־בתים; אלע פאלען פון הונגער, ווייל אלץ קען דער פריץ אויסשרייבען פון דער גובערניע, פון אויסלאנד, געהט מען ארום פוסט און פאס. פריידעל קען ניט צוזעהן די צרות און שטארבט. נטע'לע לאזט איבער די שנור אן עגונה מיט א קליין עופה'לע אויף די הענד. איהר פאטער עקיבא, וועלכער האט געהאט א ווערקשטאט מיט א צעהנדליג געזעלען ביי טישלעך, איז פאראימט געווארען און האט אנגעהויבען צו שכור'ען. די שנור מיט'ן קינד בלייבט זיצען ביי איהם, דעם ארימען בעל־עגלה; ער שלאגט זיך ארוים פון זיינע לעצטע כחות, אבי עס זאל איהר און דעם איינציקעל גארנישט פעהלען. מיט א מערקווירדיגער ליעבע בעציהט ער זיך צו זיי ביידען. זיין בידנע פערדעל שלעפט זיך קוים, פרנסה איז ווענינ, אבער ער קלאגט זיך ניט. אזוי איז שוין דער סדר פון דער וועלט. די יונגוואַרג לויפט אין אמעריקא, טייל וויז קיין ארץ ישראל, ער איז אבער ביי דער מיינונג, אז „גאט'ס וועלט איז אומעטום". ער זאגט:

איך זעה ניט קיין צייכען...
איך זעה א זשאנדאר...
ער זאגט מיר: גראניצא!
נו, גלויב איך דעם האר.

ער וויל אבער שטארבען אין דעם ארט, וואו ער איז געבארען געווארען. ארץ ישראל איז, אמת, נאהענטער צו זיין אידיש הארץ איידער אמעריקא; דאך קען מען דארט זעהן רחל'ס קבר, די כותל מערבי, און ער גיט אויך צושטייער אויפ'ן נייעם ישוב. ער גלויבט אבער ניט שטארק דערין, ווייל ער איז מיט טויזענדער פעדים צוגעבונדען צום גלות, בפרט נאך, אז „אידען וועלען ניט פעהלען ניט דא און ניט דארטען". זיין איינציגער וואונש איז בלויז, אז „מ'זאל נור עגונות פון ווייבער נישט מאכען". דאס איז זעהר אן אנגעוועהטאגטע וואונד ביי איהם. זיין צווייטע אנגעוועהטאגטע וואונד איז, וואס ער האט נאך אלץ זיין פריידל'ען קיין מצבה ניט געשטעלט. דאס לאזט ניט רוהען זיין געוויסען. מיט טרויער זעהט ער צו, ווי זיין שטיבעל פאלט איין, ווי עס ליידט זיין אומגליקליכע שנור; ער ערפילט אבער איהר פערלאנג און שילט ניט זיין בן־יחיד, חגס ער טראכט גאנץ אפט וועגען איהם, צי זאגט ער, דער זוהן, קדיש אמאל נאך דער מוטער, צי וועט ער איהם אמאל נאך זעהן?

אין דעם טיפ פון דעם בעל־עגלה ווערט, אלזא, געשילדערט די גאנצע שעהנע נשמה פון א היינטוועלטיגען אידישען ארבייטס־מענשען. דאס נייע לעבען צוטומעלט איהם, גראבט אונטער זיין קיום, דאך איז ער פול מיט ליעבע צו זיינע מיטמענשען; זיין הארץ וועהטאגט איהם פאר די אייגענע און ארומיגע צרות; ער איז אבער, ווי זיינע פארגעננער, אויך קיינעם ניט פערביטערט, אפילו ניט אויף זיין אייגענעם זוהן — דעם אויסוואורף. אין די זוכענישען פון נייע היימען גלויבט ער ניט. זיין היים איז פאר איהם דער ארט, וואו ער איז געבארען געווארען, וואו ער לעבט און מאטערט זיך.

דעם בעל־עגלה'ס טיעפע איבערלעבונגען רופען ארויס מיט־לייד, אבער זיי זיינען אונפערמיידליך, ווייל דאס איז דער שיקזאל פון אלע די, וואס קענען זיך ניט צופאסען צו דעם גייסט און די פאדערונגען פון דער נייער צייט. זיי זיינען צו־שוואך אריבערצו־געהן אין דאס נייע לעבען און ווערען א טייל פון איהם. צופיעל האבען זיי זיך שוין איינגעלעבט מיט די אלטע פיהרונגען: זיי זיינען די טרעגער פון דאס אלטע, מוזען זיי ארא‌בגעהן פון דער סצענע. זייער טראגעדיע רופט זיך אב מיט א טיעפען שמערץ אין אונזערע הערצער; עס טהוט וועה פאר זייערע ליידען, אבער עס איז ניטא קיין רפואה פאר זיי...

אזוי צוציהענד זיינען עס אלע ארבייטס־מענשען, וואס האבען אין לעבען א געוויסען אידעאל און קענען זיך אויפ־הויבען העכער פון דער אלטעגליכקייט. זיי טראגען אריין פיעל פאעזיע אין דער גרויער ווירקליכקייט; זיי מאכען זי שעהנער, פערשיעדענארטיגער, אינטערעסאנטער. אנדערש איז אבער מיט יענע הארפאשניקעס, וועלכע דער שרעקליכער דלות טעמפט אב איננאנצען. זיי פיהלען גאר ניט און בעגעהרען קיין זאך ניט. זיי געהען אין שפאן פונ'ם לעבען, ווי אמת'ע שקאפעס, און מאכען די ווירקליכקייט נאך גרויער, נאך פינסטערער. זיי רופען דעריבער ארויס בלויז אזא רחמנות־געפיהל, אזוי ווי יעדע אומגליקליכע הילפלאזע בעשעפעניש.

„באנציע שווייג“ איז איינזאם, ווי א שטיין; ער האט ניט קיין פריינד, קיין קרוב. ער ארבייט פריהער אלס טרעגער און דער־נאך אלס קוטשער. ער הארעוועט איבער זיינע כחות און האט

קיינמאָל ניט קיין שטיקעל ברויט צו זאַט. מיט זיין פּראָצע ברענגט ער קיינעם קיין נוצען ניט, — ניט זיך, ניט אַנדערע. ער שטעהט אויס די שרעקליכסטע בעליידיגונגען, די ערגסטע יסורים און פּיין. ער ווערט געטראָטען, ווי אַ וואָרים. מען גלומעט זיך איבער איהם טאָג איין, טאָג אויס. ער ענטפערט אָבער ניט דערויף מיט קיין זאַך. ער בויגט נאָך מעהרער אָן זיין רוקען און שווייגט. דער סוף איז, אַז ער פאַלט אין מיטען גאַס און מען בעמערקט אפילו ניט זיין טויט. ער פעהלט קיינעם ניט, קיינער פערגיסט ניט אויף איהם קיין טרעהר.

דערפאַר מאַכט מען אַ גאַנצען פּאַראַד פאַר איהם אויף יענער וועלט. אפילו דער קטיגור קען אויף איהם קיין שלעכט וואָרט ניט זאָגען. באָנציע האָט דאָך ביים לעבען אַ פליעג אויף דער וואַנד ניט אָנגעריהרט. אַלע צרות האָט ער אריבערגעטראָגען שווייגענדיגער־הייד, אַקוראַט ווי איהם וואָלט גאָר ניט וועה געטהאָן. דער רבנו של עולם גיט איבער אין זיין רשות דעם גאַנצען גן־עדן; ער קען נעהמען וואָס ער וויל. די גאַנצע פמליה של מעלה איז צו זיין דיענסט. באָנציע וויל אָבער קיין זאַך ניט ווי בלויז „האָבען אַלע טאָג אין דער פריה אַ הייסע בולקע מיט פרישע פּוטער". דאָס איז פאַר איהם דאָס העכסטע גליק. זיין פערלאַנג רופט ארויס אַ גרויסען געלעכטער אין הימעל, אַלע קעהרען זיך אָב פון איהם, ווייל מעהר געפאַלען קען שוין אַ מענש ניט זיין. דאָס איז די העכסטע שטופע פון ניעדערגעשלאָגענהייט... אַ טיעפע איראָניע איז „באָנציע שווייג", אַ ביטערער שפּאָס, און דער דיכטער דייטעט אָן, אַז אַזוי דאַרף ניט זיין, אַזוי טאָר ניט זיין; אַזעלכע „באָנציע שווייגס" זיינען אַן אונגאָרמאַלע ערשיינונג...

נאָך אונגאָרמאַלער זיינען אָבער די מענער, וואָס הינען אָב אַ גאַנצען טאָג אין בית המדרש, זאָרגען וועגען עולם הבא, און זייערע ווייבער ארבייטען פאַר זיי, האַלטען זיי אויס מיט זייערע אָרימע פערדיענסטען. „באָנציע שווייג" איז טאַקע אַ לאַ־יוצלח; ער לעבט אָבער ניט אויפ'ן חשבון פון אַ צווייטען. איינגעבויגען אין דרייען, שלעפּט ער אויף זיך דעם יאָך פונ'ם לעבען, און ער איז אונז סימפּאַטיש מיט זיין ארבייטסזאַמקייט, ניט קוקענדיג דערויף, וואָס ער איז פערגרעבט און טעמפּ, דאָך איז ער אַן ארבייטס־מענש. די טויגעניכצען — די מענער, וואָס זיינען מוכה זייערע ווייבער מיט

עולם הבא, זיינען אָבער אמת'ע פּאַראַזיטען, און זיי רופען אַרויס צו זיך די גרעסטע פעראַכטונג.

טרויעריג איז די לאַגע פון ברײנע'ן אין דער ערצעהלונג „מענדעל ברײנע'ס", פון דער פרוי אין „אַ כעס פון אַ אידענע", פון שרה־רבקה אין דעם „רבינ'ס ציבוק", פון חנה און איהר שוועגערין חוה גיטעל אין „פּעקעל בריעף", פון לאה דער מילכיגערין, וועגען וועלכער עס דערצעהלט דער „נדבן" פון דער ערצעהלונג אונטער'ן זעלבען נאָמען, פון שאָסע'ן אין „ר' יוחנן גבאי". אַלע אַרבייטען זיי, ווי עזלען, האָבען ניט קיין מינוט פרייע צייט, און זייערע מענער קימערט עס וועניג. זיי, די מענער, האַלטען זיך פאַר יחסנים; זיי וועלען עס זיצען אין גן־עדן אויפ'ן שטוהל, און זייערע „דיענערינס" וועלען זיין זייערע פוסבענקעלעך...

אמת, ביי איינינע פון די „דיענערינס", ווי ביי דער פרוי פון „אַ כעס פון אַ אידענע", ביי לאה דער מילכיגערין און ביי די ווייבער פון „פּעקעל בריעף", רייסט זיך אַרויס אַ פּראָטעסט געגען זייערע מענער, געגען זייער פערשקלאַפונג. דער פּראָטעסט איז אָבער נאָך זעהר אַ שוואַכער. עס פעהלט זיי דער אינערליכער שטאָלץ, דאָס בעוואוסטזיין, אַז זיי זיינען עפּעס, אַז זיי האָבען אַ בעדייטונג אין לעבען. זיי שטרעבען צו אַ העכער לעבען; דאָ אויף דער ערד קענען זיי דאָס ניט דערגרייכען, איז זייער גאַנצע האָפנונג אויף יענער וועלט, אויף עולם הבא, און דאָס קען זיי געבען דער מאַן מיט זיין לערנען תורה. שטעלען זיי זיך צופריעדען מיט אַלץ...

די פרוי איז אָבער ניט אַלע מאָל די שקלאַפין פון מאַן; זי איז עס מעהר ניט ביי די עולם הבא'ניקעס, אָבער ניט ביי די אַרבייטס־מענשען. דער משולח בעציהט זיך גאַנץ אַנדערש צו זיין ווייב. דאָס זעלבע איז אויך מיט טוביה טרעגער, וועלכער גיט זיך ניט קיין ריהר אָהן זיין סערל'ען, מיט שמערעל האָלץ־העקער און מיט'ן בעל־עגלה. אַלע זיינען זיי די פערדיענער און די ווייבער פיהרען די הויז־ווירטשאַפט און העלפען זיי צייטענווייז אַרויס. זיי בעציהען זיך איינע צו די אַנדערע, ווי גלייכע צו גלייכע, און טיילען זיך צוזאַמען מיט די פריידען און ליידען.

אָט די אַלע טיפּען זיינען אָבער אין גרונד גענומען לופט־מענשען; זיי האָבען ניט קיין בעשטימטע בעשעפטיגונג. איינער איז היינט אַ טרעגער, אַ קוטשער, מאָרגען אַ בעל־עגלה, אַ וועכטער,

איבערמאַרגען אַ וואַסער־טרעגער, אַ האַלץ־העקער און איבעראַכטאָג נאָך אַ משולח אָדער אַ שמש. זיי אַלע שטעהען ניט זיכער אויף זייערע פיס; זיי מוזען אַנקומען צו יענעמ׳ס לאַסקע, ווייל אַלץ איז ביי זיי צופעליג; דעריבער בעמערקט זיך ביי זיי אַזא הכנעה׳־דיגקייט, אַזא אונטערוואַרפענקייט צום שיקזאַל, הגם זיי האָבען שעהנע, פיהלענדע נשמות. אַנדערש איז מיט׳ן בעל־מלאכה; ער האָט אַ באָדען אונטער די פיס; ער האָט אַן ארבייט, וועלכע ער ליעבט; מענשען מוזען אַנקומען צו איהם. דעריבער איז ביי איהם דאָ אַן אינערליכער שטאָלץ, דעריבער לעבט אין איהם אַ נאַטירליך פראַטעסט־געפיהל. אונבעוואוסט פאַר זיך אַליין פיהלט דער בעל־מלאכה זיין מאַכט, אַז ער פערנעהמט אַ וויכטיגען אָרט אין דער געמיינדע; בעציהט ער זיך אַביסעל קריטיש צו די רייכע, צו די רעדעל־פיהרער, האָט ער אַ סקעפּטישען קוק אויף די פיהרונגען פונ׳ם לעבען...

4.

די בעלי מלאכות ביי פרץ׳ן.

דער בעסטער פאַרשטעהער פון דעם בעל־מלאכה איז בערעל קאַלבאַס פונ׳ם „שטריימעל“.

„דאָס שטריימעל“ איז אפילו אַ בייסענדע סאַטירע אויף דער פינסטערער אָרטאָדאָקסיע, און אין דער פערזאָן פון בערעל קאַלבאַס ווערט געשילדערט אַ טיפּישער אפיקורוס, וועלכער זעהט דעם וואַר־צעל פון אַלע שלעכטס אין דער פערפיהרערישער רעליגיאָן און איהרע פאַרשטעהער. עס איז אָבער כאַראַקטעריסטיש, אַז פּרץ האָט ארויסגעשטעלט אַלס אפיקורוס ניט קיין וואוויל־לערנער, וואָס האָט זיך אָנגעלעזען „טריף־פּסול׳ס“, נור גראָד אַ בעל־מלאכה, וואָס האָט אַלץ אַליין בעגריפען מיט זיין אייגענעם שכל. און דאָס איז גאַנץ פערשטענדליך: דער בעל־מלאכה איז אַלע מאָל געוועזען ביי אונז דער עזות־פּנים, דער „בונטאָווושטשיק“, און אין זיינע טענות צו ראשי־קהל, אין זיין קאַמפף געגען די נאָט׳ס סטראַפּצעס האָט זיך אויסגעדריקט ניט נור זיין קריטישע בעציהונג צו די רבנים, רביים און סתם פרומאַקעס, נאָר צום גאַנצען לעבען, וואָס מאַכט

איהם אונטערדריקט. דער רב, דער רבי, דער ראש־הקהל איז ביי דעם בעל־מלאכה געווען די פערקערפערונג פון דער אונגערעכטיגקייט, וואָס הערשט אין אונזער וועלטעל, דעריבער זיינען דאָס געגען זיי געווען געווענדעט אַלע זיינע פיילען. „דאָס שטריימעל“ האָט אויף אַזאַ אופן ניט בלויז אַ ריין אפּיקורסישע טענדענץ, ווי אייניגע ווילען דאָס האָבען, נור אין איהר ווערט אָנגעמערקט דאָס סאָציאַלע פּראָב־לעם אין אַ ברייטערען זין.

בערעל פערשטעהט גאַנץ גוט, אַז אָהן זיין אויפגענעהט שטריי־מעל האָט דער חסיד׳ישער רבי קיין בעדייטונג ניט. די גאַנצע קראַפט, וואָס דער רבי האָט, ליעגט אין „שטריימעל“, וואָס ער, דער קירזשנער־יונג, מאַכט. איז בעריל שטאָלץ דערויף. „מאַכענדיג אַ שטריימעל, — זאָגט ער, — פיהל איך, אַז איך האַלט אַ פויגעל אין דער האנד, און אָט וועל איך זי עפענען, וועט דאָס פויגעל ארויס־פליהען הויך, הויך, קוים מיט׳ן אויג צו זעהן!“ אַזאַ בעציהונג צו זיין בעשעפטיגונג קען מען ניט בעמערקען ביי קיין אַנדער ארבייטס־מענשען אָהן אַ בעשטימטער פּראָפעסיע. דער גוטמוטיגער, פרעה־ליכער בערעל קאָלבאַס האָט אויך ליעב צו נעהען אַ סערמינקע פאַר אַן אָרימען פויער אָדער אַ טרעגער־פעלצעל, ווייל דער פויער און דער טרעגער זיינען אַזוי אונטערדריקט, ווי ער, און ער האָט צו זיי אַ טיעפע סימפּאַטיע. אָבער ער פיהלט זיך מעהר געהויבען, ווען איהם פאַלט אריין אין די הענד ליב מילנער׳ס אַ שאָפּענפעלץ אָדער אַ רבינ׳ס אַ שטריימעל, ווייל דאַן פערשטעהט ער, אַז ער איז אויך עפּעס אויף דער זינדיגער ערד, אַז ער בעשאַפט די מאַכט. אין דעם פּרט שטעלט ער זיך אַ סך העכער פון זיין שכן דעם שמוקלער, וועלכער מאַכט עפּאָלעטען און שליפעס.

דער שמוקלער ליעבט זיין מלאכה ניט ווענינער, ווי בערעל, און ווען ער זיצט ביי דער ארבייט, „פינקלען זיינע אויגען פון פרייד“. וואָס פאַר אַ ווערטה האָבען אָבער די עפּאָלעטען און שלי־פעס, טראַכט א י ר אָ נ י ש בערעל, אין פערגלייך מיט׳ן שאָפּענ־פעלץ און שטריימעל? די עפּאָלעטען און שליפעס דאַרפען האָבען זעלנער, כדי צו צווינגען אַנדערע זיי צו פאָלגען. דער שאָפּענפעלץ און דאָס שטריימעל דאַרפען דערויף קיין זעלנער ניט; זייער שליטה איז אַלמעכטיג אָהן צוואַנג. אָט די איראָניע בעווייזט, אַז בערעל שטעלט זיך אָן, דאָס רעליגיאָן און קאַפּיטאַל זיינען די הערשער

פונ׳ם היינטיגען לעבען און אלץ מוז זיך אונטערוואַרפען צו זייער ווילען.

נעהענדיג דעם שאַפּענפּעלץ, פערטראַכט זיך בערעל אויפ׳ן סדר פון דער וועלט. עס שטעלט זיך איהם א פראַגע: „רבונו של עולם! נאָך וואָס האָסטו בעשאַפען אזוי פיעל מינים פּעלצען? פאַר וואָס האָט איינער א שאַפּענפּעלץ, דער צווייטער א טרעגער־פּעלצעל, דער דריטער א סערמינקע און א פיערטער גאָר ניט?״ אָט דער געדאַנק לאָזט איהם ניט רוהען, און נאָך מעהר עגבערט ער איהם, ווען ער זעהט די מעשים פון זיין שטריימעל. אינסטינקטיוו הויבט ער אָן צו פיהלען א האַס צו דער אָרדנונג, וואו ער בעשאַפט אַלע רייכטימער און דאַרף אליין זיין א שקלאַף ביי די, פאַר וועלכע ער אַרבייט, ווענען ער גיט גדולה און מאַכט.

די אונגערעכטיגקייטען פונ׳ם לעבען וואַרפען זיך בערל׳ען שרעקליך אין די אויגען, און זיין האַרץ ווערט צונויפגעדריקט, ווען ער דערמאָנט זיך אָן דעם שיקזאַל פון דעם צווילינג — די צווי שעהנע חנה׳לעך. איינע האָט געהאַט א געזעצליך קינד פון „א משה׳לע מיט א שטריימעל״, איז אלץ אריבער שא, שטיל, און אָט די חנה׳לע איז א שעהנע, אָנגעזעהענע בעל־הבית׳טע; די צווייטע חנה׳לע האָט זיך אויסגעגליטשט און געהאַט אַן אונגעזעצליך קינד פון „א משה׳לע אָ ה ן א שטריימעל״, איז זי פערפאַלגט געוואָרען פון אלעמען, וואַלגערט זי זיך ארום איבער דער וועלט און „לעקט אַב פרעמדע טעלער״. בערעל קאַלבאַס פּראָטעסטירט געגען דעם, אָבער דער פּראָטעסט איז נאָך א פרימיטיווער, ער האָט נאָך קיין ממשות ניט, אקוראַט ווי דער פּראָטעסט פון די ווייבער געגען זייערע מענער־טויגעניכצען. דאָס שטריימעל, דאָס שאַפּענפּעלץ זיינען טאַקע זיין אַרבייט. עס פעהלט איהם נאָך אָבער דאָס בעוואוסט־זיין, אז ווען ער, אין פעראייניגונג מיט אַנדערע, זאָל נור וועלען, קענען שוין דער רבי און ליב מילנער מעהר ניט פיהרען די „גרענדע״. דערצו איז ער נאָך ניט דערוואַקסען; דאָך ליעגט שוין אין איהם דער קערן פון דער קעמפּפענדער אידישער אַרבייטערשאַפט...

„דאָס שטריימעל״ האָט אַרויסגערופען א גאַנצען שטורם. די פרומע האָבען דעם פּערפאַסער כמעט געהאַלטען אונטער א חרם, ווייל די מעשה׳לע איז געוועזען א שטאַרקער פּראָטעסט געגען דער הערשאַפט פון די פינסטערלינגע, וואָס האַלטען אין אונטערדריקונג

די מאַסען. פאַר די אַרבייטער איז זי אָבער געווען די בעסטע אַגי־טאַציאָנס־שריפט און זי האָט ניט ביי איינעם פון זיי געעפענט די אויגען...

אַ פּראָטעסטירענדע נאַטור איז אויך דער קעסעל־מאַכער יונה באַץ פון „אייזיקעל שעבט". יונה באַץ בענוגענט זיך ניט בלויז מיט שימפּפ־ווערטער געגען די אונגערעכטיגקייטען פון קהל. ער לאָזט ניט דאַווענען קיין מעריב, ווען קהל וויל ניט פערזאָרגען דעם אומ־גליקליכען יתום׳ל, וואָס איז געבליבען פון אביגדור׳ל מלמד. אַרומ־גערינגעלט פון האַרצלאָזע בעלי־בתים, ביי וועלכע עס איז רעכט, אַז דאָס עלענדע קינד זאָל כאָטש אומקומען אין גאַס, בעשטעהט יונה באַץ פעסט אויף דאָס זייניגע; און מערקווירדיג סימפּאַטיש איז ער מיט זיין פאָטערליכער ליעבע צום יתום׳ל, מיט זיינע רעוואָלט־געפיהלען. ניט אומזיסט איז ער בעוואוסט אַלס דער „בעל דברן, דער ראש וראשון אויף יעדער סעודה, ביי יעדען מנין, דער טרינקער, דער פּאַטשער, די שרעק פאַר רב און קהל"...

„בערעל שניידער" פּראָטעסטירט אויף זיין אופן. ער מאַכט אַ „סטרייק" געגען גאָט. פאַר וואָס יענער גיט איהם ניט קיין פּרנסה; און אין הימעל ווערט אַזאַ טומעל יום כפּור ביינאַכט צוליעב דעם, אַז דער רבי רופט בערל׳ען צו זיך און גיט נאָך אַלע זיינע „פאָדערונגען".

אמת, דער גאָלדשמיעד פון „דאָס גלעזעל" איז ניט קיין פּראָ־טעסטירענדער כאַראַקטער, דערפאַר איז ער אָבער אַ פיעלבעדייַ־טענדער סימבאָל.

דער גאָלדשמיעד ליעבט זיין מלאכה ניט ווייניגער, ווי דער שטריימעל־מאַכער און דער שמוקלער. ער איז אַ קינסטלער אין זיין פאַך. די גאַנצע וועלט קלינגט מיט איהם. פון אונטער זיין האַנד ווערט אַן איינפאַך שטיקעל גלאָז פון אַ צובראָכען פלעשעל פערוואַנדעלט אין אַ מערקווירדיגען בריליאַנט. דער בריליאַנט פאַלט אַריין צום מלך אַליין און ער מאַכט איהם פאַר אַ חותם־המלכות. „מיט איהם ווערען גיטער, הייזער, שטעדט צוגענומען און געגעבען. מענשען ווערען געהויכט און געקרוינט, אין תפיסות געוואָרפען, אין וואַסער און פייער אַריין און געפערטעלט". דער גאָלדשמיעד פיהלט ניט און ווייסט ניט וואָס פאַר אַ קראַפט ער בעזיצט, ווי ווייט גרויס איז דער איינפלוס פון זיין אַרבייט; ער

שטויסט זיך דערויף ניט אָן אפילו ווי דער שטריימעל־מאַכער. דער קינסטלער שטרייכט אָבער מיט איהם אונטער, אַז אויף דער אַרבייט פון אַזעלכע האָרעפּאַשניקעס, ווי דער גאָלדשמיעד, האַלט זיך די גאַנצע געזעלשאַפט, אַז מיט זייער פּראַצע בעשאַפען זיי אַלץ; זיי זיינען די בויער פונ׳ם לעבען.

דאָס בעגריפט שוין משה חיט פון „נישט פער׳משפּט". ער איז אַ גאַנצער רעוואָלוציאָנער. אַלע בעלי־בתים האַלט ער פאַר מערדער, רוצחים, וואָס האָבען פערכאַפּט דעם גאַנצען עולם־הזה. ער זעהט, אַז דער מוליער בויט הייזער, דער גאָלדשמיעד מאַכט ציערונג און ער נעהט מלבושים, דאָך האָבען זיי אַלע קיין שום דעה ניט אין ערגעץ און ווערען אויסגעריסען אויף וואָס די וועלט שטעהט. די בעלי־בתים אָבער טהוען גאָרנישט און געוועלטיגען איבער זיי, די בויער פונ׳ם לעבען. ער טרעט זאָגאַר אַרויס געגען דער „ממשלה", וואָס האָט בלויז מאַכט „כל זמן דער זעלנער שיסט", און דער זעלנער שיסט, ווייל ער פערשטעהט נאָך גאָר ניט. משה חיט סימפּאַטי־זירט מיט די רעוואָלוציאָנערען, „וועלכע שטעלען זיך איין דאָס לעבען", און ער שרייט אויס אָן אָנגעצונדענער, אַז מען וועט ביי די בעלי־בתים צונעהמען דעם גאַנצען עולם־הזה. זיינע שכנים אין „מושב זקנים" רייצען זיך מיט איהם, לאַכען איהם אויס, דאָך ווירקט ער סוף כל סוף, אַז זיי זאָלען אויך מאַכען אַ „רעוואָלוציע" און פאָדערען אַ „פעט גענזענפיפיקעל". גענוג וועט שוין זיין צו קאָרמענען זיי מיט „פיש־יויך־שפּייזען"!

דער רעוואָלט־געפיהל לעבט, אַלזאָ, אין משה חיט אפילו ווען ער איז שוין קראַנק, ווען עס טריקענט איהם די רעכטע האַנד און ער קען מיט דער נאָדעל נישט פיהרען. ער איז שוין אַ ווייטערע פאָרטזעצונג פון בערעל קאַלבאַס.

מיט רעוואָלט שמעקט אויך אין דער סימבאָלישער דראַמע „אין פּאָליש אויפ׳ן קייט". דאָרט ווערט אַריינגענומען אין חרם און צוגעשמידט צו אַ קייט דער „זינדיגער" פרוש, וואָס האָט צושטערט די חופה פון דעם גביר ברכיה׳ס טאָכטער, וועלכע ער האָט געליעבט מיט אַ הייליג־אידעאַלער ליעבע. דער המון האַסט ברכיה׳ן, ווייל ער האַלט די גאַנצע שטאָדט אין אונטערדריקונג. עס הערען זיך פּראָטעסטען פון אַלע זייטען געגען דער פערשמידונג פון פרוש. מען שאַנעוועט קיינעם ניט, אפילו דעם רב, וועלכער איז אַ שקלאַף

ביי ברכיה'ן. עס קומט דער שלאָסער, וועלכער וויל איבערפיילען די קייט און בעפרייען דעם פּרוש. דער המון גיט איהם צו מוטה, אָבער בעזונדערס שארף הערען זיך די שטימען פון די בעלי־מלאכות, הילכט אָב זייער פּראָטעסט געגען ברכיה'ס ממשלה. זיי שרייען צום שלאָסער:

פייל, פייל,
אויף אונזער חשבון פייל;
זאָל אַ האנד די צווייטע וואשען;
דו וועסט אונז די יאָך צוברעכען,
מבטל וועסטו זיין די פּאַכט;
פלייש נישט ביינער ווילען מיר עסען, —
מתיר מאכען שחיטת חוץ —
הייוועז פריי און שבת־שענק!
הפקר איז דער טייך מיט פיש!
און מיר רייסען אויף די שפייכלער
מיט'ן קאָרן, מיט די ווייצען!

די בעלי־מלאכות ווילען זיך אויף אַזאַ אופן אינגאנצען בע־פרייען פון ברכיה'ס הערשאפט, כדי זיי זאָלען קענען בעפריעדיגען אַלע זייערע בעדירפניסען און ניט דארפען זיין אין אַלע אָבהענגיג פון איהם.

דער פרוש הייסט די פּראָטעסטירענדע טהאָן וואָס זיי ווילען; איהם איז דאָס אַלץ איינס; זיין אידעאַל איז סיי ווי סיי פער־שוועכט; און די בעלי־בתים זיינען גרייט צו געהן אויף דער חתונה צוריק, כדי אָנצופרעסען און אָנצוזויפען זיך און שכור'ערהייט אַלץ צוברעכען ביי ברכיה'ן אוים ראבע — גלאָז, קריסטאָל, זילבער און גאָלד. פאַר די בעלי־מלאכות איז אָבער אַזאַ ראבע צו ווענינ; זיי ווילען אינגאנצען פערניכטען ברכיה'ן, אז ער זאָל זיי מעהר ניט קענען אונטערדריקען, און זיי רופען:

קומט נור פרעסען, קומט נור זויפען!
און פער'שכור'ט וועל'מיר שיקען
ז' רויטען האָהן, ז' רויטען האָהן!
זאָל ער זיינע רויטע פליגעל
שטרעקען אוים און צושפּרייטען
איבער ברכיה'ס פולע שפייכלער,

איבער קלייטען, איבער שענקען...
זאָל איהם לייכטען, רויט זאָל ברענען,
ווי אמאָל צום נייעם חודש.

דאָס איז שוין אַן אמת'ער בונט, אַ בונט פון שקלאַפּען, וואָס הויבען זיך אויף געגען זייער הערען, און אויף אַזאַ בונט זיינען אין דעם פּאַרצייטיגען חסיד'ישען שטעדטעל בלויז פעהיג די בעלי־מלאכות, אין וועלכע עס לעבט אַן אינסטינקטיווער רעוואָלוציאָנערער גייסט.

אויסער פּראָטעסטירענדע נאַטורען זיינען די בעלי־מלאכות פרעהליכע חברה־לייט, פול מיט לעבען; זיי זיצען ביי דער ארבייט און זינגען און מאַכען חוזק פון דעם אייגענעם דלות. אפילו דער שניידער פון דער „קללה“, וואָס איז אַ גאַנץ פרומער איד, צוגיסט זיך אין חזנ'ישע וואָלעכלעך און פערגעסט אַלע זיינע צרות. ווען ער איז נאָך געווען אויף דער לעהרע, האָט ער געהאַט אויסצושטעהן פון זיינע בעלי־בתים קאַלט און ווארים; מען האָט איהם געשלאָגען מכות אכזריות, אָבער איידער די טרערען פלעגען איהם טרוקען ווערען, פלעגט ער שוין זינגען, און לייכטער איז איהם געוואָרען אויפ'ן הארצען. אַזאַ איז ער פערבליבען זיין גאַנץ לעבען.

ביי עקיבא דעם שוסטער, ווי עס דערצעהלט „דער בעל־עגלה“, איז געווען פרעהליך, לעבעדיג. דאָס קלאַפּען און ד אָ ס ז י נ ג ע ן פון די נעזעלען ביי די טישלעך פלעגט דערגעהן „ער לב השמים“.

וועגען דער אויפגעלעגטקייט פון בערעל קאַלבאַס איז שוין אָבגערעדט. ער איז גאָר אַן אמת'ער „הוליאקע“. יונגערהייד האָט ער געהאַט, ווי ער אַליין דערצעהלט, אַ קול, ווי אַ גלאָק, פלעגט ער געהען און זינגען. אין די עלטערע יאָהרען האָט ער שוין ניט אַזאַ קול, אָבער ער געדענקט נאָך גאַנץ גוט די אַמאָליגע ליעדלעך, פערהילכט ער מיט זיי דאָס קליינע שטיבעל. מיט אַ יוגענדליכען פייער דערצעהלט ער, ווי אַזוי ער פלעגט אַמאָל זיין „מרים־לעב“ דער־לאַנגען אַ ברענענדיגען קוש אין די „רויטע קאַרשען“ אריין, און ער איז זיך מודה, אַז ער האָט ניט פיינט עד היום צו כאַפּען אַ קוק אויף די דיענסטמיידלעך, וואָס נעהמען וואַסער ביים פּלומפּ: „זיי זיינען, חס ושלום, קיין כהנים ניט און דוכענען ניט“...

דער שניידער פון „נישט גוט“ קען אָהן אַ טרונק בראָנפען ניט

לעבען, און ווער רעדט נאָך, אַז עס קומט פּורים, ווייל ער טאָקע די מצוה פון משמח זיין זיך מקיים זיין ווי געהעריג איז. ער האָט אָבער אפילו קיין דרייער נישט אין שטוב, געהט ער זוכען וואו צו מאַכען אַ לחיים און פערקריכט צום רייכען שניידער אהרן דבשה'ס, וואו עס גיסט זיך בראָנפען, ווי וואסער. ער שכור'ט זיך אָן, און עס חלום'ט זיך איהם, אַז ער פערבלאָנדזשעט אין אַ וואונדערבארען פּאַלאַץ צו אַ בילד־שעהנער פּריצה, וועלכע זוכט אַ מאַן, וואָס זאָל איהר שטאַרק געפעלען זיין. ער איז אליין אַן אַלמן און האָט גאָר נישט דאגעגען נושא חן צו זיין ביי דער פּריצה. פאר וואָס טאקי נים לעבען אַ טאָג? ווען ער ניכטערט זיך אָבער אויס, דערוויסט ער זיך, אַז ער איז אַ חתן געוואָרען צו אהרן דבשה'ס טאָכטער, וועלכע האָט זיך צו איהם גע'שדכנ'ט און געקוקט אויף איהם מיט איהרע אויגען, וואס האָבען אויסגעזעהן „ווי צוויי שיסעלעך שמעַ־טענע, אקוראט ווי אַ שאָף אויף זאלץ".

אין דער גאַנצער געשיכטע מיט דער פּריצה און מיט אהרן דבשה'ס טאָכטער ערשיינט דער שניידער אלס אמת'ער לעב־יונג, וואָס זאָגט זיך ניט אָב פון קיין זאַך, אבי עס זאָל ניט זיין אומעטיג און מען זאָל קענען אַ הוליע טהאָן, מען זאָל געניסען וואָס מעהר עולם הזה. ער פערבויגט צוליעב דעם די פרומקייט, געפינט אַ הכשר ווי נאָכצוגעבען דעם יצר הרע, און אין דעם פּרט איז ער זעהר כאַראַקטעריסטיש פאר דער לעבענס־לוסטיגקייט, מיט וועלכער עס זיינען דורכגעדרונגען פּרץ'ס בעלי־מלאכות.

אַלע זיינען זיי ביי איהם וויצלינגע און זעהען דאָס לעבען אין ראָזע פּארבען. אַ נאַטירליכער אפּטימיזם לעבט אין זיי און זעהר זעלטען קען מען ביי זיי הערען טענער פון פערצווייפלונג, מעגען זיי זיין די גרעסטע קבצנים. דער איינפאַכער חשוב'ער בעל־הבית קוקט אבער אויפ'ן בעל־מלאכה פון אויבען אראב און קען איהם ניט מוחל זיין זיין פרעהליכקייט, זיין אויפגעלעגטקייט, זיין מוטה.

פאר'ן חשוב'ען בעל־הבית איז האָבען אַ מלאכה אין האנד אַן ערניעדערונג, ווייל דאס ציעל פונ'ם אידענ'ס לעבען, זיין שליחות אויף דער וועלט איז צו לערנען תורה, צו ווידמענען זיך צו גאָט'ס וואָרט. דער בעל־מלאכה איז אבער שטענדיג אַן עם הארץ.

געוואוינליך, ווערט אַ בעל־מלאכה דער, וואס איז ניט פעהיג

צום לערנען און צו מסחר, אדער א יתום, וועלכע גוטע לייט בעזאָר־גען מיט א תכלית. „אייגענטליך, דערצעהלט דער העלד פון „נישט גוט", בין איך קיין שניידער נישט; מיינע אבות אבותי זיינען קיין שניידער נים געווען. נאָר אז עס האָט זיך געמאכט און איך האָב פערגעסען דאס לערנען פון תלמוד־תורה און פערלאָרען די עט־ליכע גילדען, וואס מען האָט מיר געגעבען נדן, — האָב איך מיך געמוזט נעמען צו דער נאָדעל". דער שניידער פון „די קללה" דער־צעהלט, „אז ער איז גאָר פריה א יתום געבליבען; אָהן א טאטען און אָהן א מאמען, רחמנא ליצלן; אז די ארימע קרובים זיינע, וואס האָבען איהם נישט געקענט מפרנס זיין און צאָהלען פאר'ן חדר־געלד, האָבען איהם אָבגעגעבען צו א שניידער". ביי אזעלכע אומשטענדען איז די עם הארצות פונ'ם בעל־מלאכה א פערשטענד־ליכע זאַך. „אין שוהל — דערצעהלט דער איד פון „די טויטע שטאָדט" — דאוונען, ווי דער שטייגער איז, סאמע פּראָסטאקעס — בעלי־מלאכות; אויסגענומען שניידער, וואס האָבען א בעזונדע־רען מנין און קצבים מיט בעלי־עגלות, וואס האָבען זיך היי־יאהר געדונגען א בעזונדער שטיבעל צו דאוונען... די שוהל קען קוים עברי!... שעהנע בעלי־הבתים, בני תורה, דאוונען אין בית המדרש". עם הארצות פיהרט אָבער צו לייכטזיניגקייט. וואס רען זאָל מען טהאָן אָהן תורה?

פערדריסט טאקי יוחנן מלמד אין זיינע „מעשהל'לעך", ווען ער זעהט, אז „א בעל בלאכה זיצט אין שענק אין א וואָלקען פון רויך, און טרינקט און רעדט הבלים". יוחנן איז נים אין כעס, נאָר דאָס הארץ צוגעהט איהם פאר רחמנות אויף די בעלי־מלאכות. דערפאר איז שוין לוי יצחק בערנפעלץ פון דאָס רייזע־בילד „די ערשטע פרוב" שטאָלץ דערמיט, וואס ער איז נים קיין בעל־מלאכה; זיין זיידע האָט דאָך קיין שטיוועל נים גענעהט, פונדעסטוועגען, אז גאָט וויל, לעבט ער, לוי יצחק, אָהן א מלאכה. פרעגט מען די קרעמערקע פון דאס רייזע־בילד „די צווייטע פרוב", פאר וואס זי לערענט נים איהרע קינדער קיין מלאכה, „פערציהט זי די נאָז, ווארפט א בייזען בליק און וויל מעהר נישט ענטפערען". דאס איז פאר איהר א בעליידיגונג. מנחם מענדעל, חנה'ס ברודער, פון „פעקעל בריעף", האָט אמת עגמת נפש, ווען ער דערוויסט זיך, אז זיין שוואָגער וויל ווארפען לערנען און זיך צו עפּעס צושלאָגען,

זיין אַ נהנה מיגיע כפו. דאָס שמעקט שטאַרק ניט מנחם מענד־
לען, און ער זאָגט: „ער דאַרף וויסען, אַז דער טאַטע, עליו השלום,
האָט זיך מיט איהם משדך געווען נישט אויף דעם תנאי".

בעציהענדיג זיך מיט אַזאַ פעראַכטונג צו דעם בעל־מלאכה, איז שוין קיין וואונדער ניט, וואָס דער חשוב'ער בעל הבית האַלט איהם פאַר אַ יונגאַטש, אַן אויסגעלאַסענעם יונג. ר' קלונימוס דין פון „די פערשאָלטענע ברונען" איז שוין מרוצה אויסצוגעבען זיין פערזעסענע טאָכטער „פאַר אַ שניידער, באַדיי אַ שוסטער"; איז, ערשטענס, שטעהט דאָס ניט אין קהל, צווייטענס, „זיינען היינט די בעלי מלאכות, ניט אויסגערעדט זאָל עס זיין, פערשייט". דער מאַן פון דער אויבענדערמאָהנטער חנה'ן וויל פערזיכערען זיין ווייב, אַז ער פיהרט שטאַט אין אַמעריקאַ, שרייבט ער איהר וועגען זיך: „דיין שמואל משה איז קיין שניידער נישט, קיין שוסטער נישט, ער זאָל אוועקוואַרפען אַ ווייב פאַר אַן אַנדערע וועגען".

אין דער אמת'ן זיינען אָבער די בעלי מלאכות ניט אַזעלכע געפעהרליכע „הולטאַיעס". אויב זיי זיינען ניט אַזוי איינזייטיג און שמאָלקעפיג, ווי דער לערנער, דער מלמד, דער סוחר, דער מעק־לער, איז דאָס דערפאַר, וואָס זייער פראָפעסיע רופט ביי זיי אַרויס אַ בעזונדער אינטערעס צום לעבען, אַרבייט ביי זיי אויס אַן איי־גענאַרטיגע פסיכאָלאָגיע. זיי זיינען ניט פער'מרה־שחורה'ט, נאָר שטענדיג ריהרעוודיג, מונטער, זיכער ביי זיך, און דאָס טיילט זיי אויס פון דער אַרומיגער סביבה, וואו אַלץ איז פול מיט צופעליג־קייטען, מיט באַדענקלאָזיגקייט.

פערנעהמענדיג אַ וויכטיגען אָרט אין דער געמיינדע, האָבענ־דיג אַ בעשטימטע בעשעפטיגונג, זיינען די בעלי מלאכות פעסט צוגעבונדען צו זייערע איינגעזעסענע ערטער און קענען זיך ניט לייכט איינלעבען אין אַ נייער אַטמאָספערע. זיי ראַנגלען זיך מיט די לעצ־טע כחות, אַבי ניט אויסצוואַנדערען אין אַ פרעמד פלאַץ. ווען אָבער די נויט ברעכט אייזען און זיי זיינען געצוואונגען אוועקצולאָ־זען זיך אין „מרחקים" אַריין צו זוכען פרנסה, הערען זיי ניט אויף צו טראַכטען ווי אַזוי גיכער אומצוקעהרען זיך אַהיים. דער שניידער פון דאָס רייזע־בילד „דער עמיגראַנט" פיהלט זיך שרעקליך עלענד אין רוישיגען לאָנדאָן, ער קען ניט אַריבערטראָגען זיין גלות. „אַזוי ווי איך האָב צוגעמאַכט אַן אויג", — דערצעהלט ער — האָט

זיך מיר געחלום׳ט דאָס שטעדטעל, דער טייך ארום דעם וואַלד....
עס איז מיר דאָרט ענג געוואָרען, עס האָט געצויגען און געצויגען"...

ווי מען זעהט, זיינען די בעלי־מלאכות ביי פרץ׳ן פּאָזיטיווע טיפּען. זיי פערמאָגען א געזונטען גייסט, און ווי שווער דאָס לע־בענס־יאָך זאָל זיי ניט דריקען, קען עס אבער אין זיי ניט אָבטויטען די צארטע מענשליכע געפיהלען, זייער נאַטירליכע כאראקטער־אויס־געהאַלטענקייט. זיי זיינען שטענדיג טריי צו זיך אַליין, סיי אין זייער ארט לעבען, סיי אין זייער ארט דענקען...

5.

די בעציהונגען צווישען מאַן און פרוי ביי די ארבייטס־מענשען

שילדערענדיג אָט די אלע טיפּען, האָט דער קינסטלער גע־פיהלט, אז זיי זיינען די קומענדיגע פּראָלעטאַריער, און ער האָט זיך בעצויגען צו זיי ניט בלויז מיט ליעבע, נור אויך מיט עהרפורכט. ער האָט בעוויזען, אז ניט נור מאַכט ניט דער ביטערער דלות אלע אָרימע ארבייטס־מענשען, בעלי־מלאכות, אזוי טעמפּ, ווי „באָנציע שווייג", נאָר אז אין זייער לעבען איז טאַקי פאַראַן פיעל אמת׳ע פּאָעזיע.

אין דער ריהרענדער ערצעהלונג „אין קעלער־שטוב" שיינט אריין א ליכטיגער שטראַהל. די אָרימקייט איז דאָרט שרעקליך; אין דעם פערשטיקטען צימערעל אָהן א ברעקעל לופט וואוינען עטליכע פאַמיליעס, פער׳צרה׳טע, פערהאָרעוועטע און פער׳דאגה׳טע. דאָרט וואוינט אויך הינטער א שפּאַניש ווענטעל א יונג פּאָארעל ערשט נאָך דער חתונה, יוסעל און טריינע. די ווייב איז א הענד־לערקע מיט ציבעלעס; דען מאַן האָט נאָך ניט קיין בעשעפטיגונג, וויל ער ווערען א מלמד און זוכט תלמידים. קוים וואָס זיי פער־דיענען אויף ברויט, דאָך זיינען זיי גליקליך, ליעבען זיך איינער דעם צווייטען אונבעגרענצט. זייערע אויגען ברענען פון צופריעדענהייט, וואָס גאָט האָט זיי ביידען צונויפגעפיהרט; און ווען אלע אין קעל־לער־שטוב שלאָפען איין נאָך א לאַנגען טאָג שווערע ארבייט, דריקען זיי אויס די געפיהלען, וואָס ברויזען אין זייערע הערצער. עס וועהט פון זיי מיט אזא תמימות, מיט אזא ריינקייט, און זיי פער־

געסען א ווײלע זײער גוט; זײ זײנען די גליקליכסטע מענשען אויף דער וועלט. מעהר ניט די פערביטערטע שכנה פריידעל דערמאהנט זײ מיט איהרע קללות, וואו זײ געפינען זיך. זי איז בײז פאר וואס זײ שטערען איהר מיט זײערע קושענישען אנשלאפען צו ווערען, און די אידיליע פערשווינדט....

ניט וועניגער גליק און ליעבע זעהען מיר אין דער ערצעהלונג „שלום בית".

חיים דער וואסער־טרעגער שטוקעוועט קוים צונויף אויף א שבת. ווען אבער דער הייליגער שבת קומט, פערגעסט ער מיט זײן „אלטער" אלע דאגות און זארגען. אלץ קריגט בײ זײ אין שטיבעל אן אנדער אויסזעהן, אפילו ווען עס איז ניטא קײן ווײן און מען מוז מאכען קידוש אויף חלה, ווען מען מוז פערזעצען די מעשענע לײכטער. חיים איז א איד אן עם הארץ, און שבת בײ טאג נאך'ן שלאף געהט ער אין בית המדרש ארײן הערען א שטיקעל „אלשיך". ער שלינגט אײנפאך יעדעס ווארט פון „אלשיך", און עס ציטערט איהם דאס הארץ, ווען ער דערהערט, ווי אזוי מען פײניגט די רשעים אין גהינום. ער ליעבצט נאך א שטיקעל גן עדן, און דער־ווײסט ער זיך, אז ווען דער מאן זיצט אין גן־עדן אויף א שטוהל, איז די ווײב דאס פוסבענקעלע, איז ער גרײט זיך אבצוזאגען פון גן־עדן, ווײל די ליעבע צו זײן חנה'ן דערלאזט איהם ניט, זי זאל זײן זײן פוסבענקעלע. ווען זײ זיצען בײדע צוגעטוליעט אײנער צום צווײטען און געניסען דאס פאמיליענגליק, זאגט ער איהר: „מיר וועלען זיצען אויף אײן שטוהל, ווי אצינד... עס איז אונז אזוי גוט צוזאמען; הערסט, חנה, דו מוזט זיצען מיט מיר אויף אײן שטוהל.... דער רבונו של עולם וועט מוזען בעשטעהן"....

דער שנײדער פון „די קללה" איז דער גליקליכסטער מאן אויף דער וועלט. זײן אסתר'ן, וועלכע איז „אזוי שעהן און גוט ווי אסתר המלכה", האט ער ליעב מיט'ן גאנצען הארצען, און דאס זעלבע זי איהם. בײדע ארבײטען שווער, און זײ לעבען ווי א פאאר טויבען. ער זינגט איהר מיט'ן קול און זי איהם מיט די אויגען, און עס קימערט זײ ניט די נויט.

מיכל פון דער ערצעהלונג „דעם קלעזמער'ס טויט" אדער דער זעלבער העלד מיט'ן נאמען יואל אין דער דראמע „וואס אין פיעדעלע שטעקט", איז שוין א לעב־יונג און האט ניט פײנט אונ־

טערצופיהרען א לינקע ליעבע; דאָך בעציהט ער זיך צאַרט צו זיין ווייב מירל, וועלכע האָט ניט פאַר איהם קיין גאָלדענע מערכה. פאַר'ן טויט איז ער זיך מודה: „אַ מויד איז א מויד, דאָס איז שוין א כּליזמר'שע זאַך, עס ציהט ווי א בלאָטער, עס איז עפּעס א מין צעקאַוואשטש.... א ווייב איז דאָך א ווייב"... א פּערבענקטע, אייביג זוכענדע פּערזאָן איז מיכל־יואל. זיין פּראָפעסיע פון א כּלי־זמר איז ביי איהם ניט קיין מלאכה, כּדי צו פערדיענען בלויז אויף ברויט, נאָר א הייליגער בערוף; און ווען ער שטאַרבט, וויל ער אנדערש ניט אויסהויכען זיין לעצטען אָטעם, סיידען אונטער די טענער פון זיין קאַפּעליע. איהם קימערט ניט קיין ודוי, קיין עולם הבא. זיין איינציגער פערלאַנג פאַר'ן טויט איז, אז זיין קאַפּעליע „זאָל שפּיעלען אהן איהם ווי מיט איהם". דערביי זאָגט ער אן זיינע זיהן, אז זיי זאָלען ניט זיין „קיין שקצים אויף א ר י מ ע חתונות און האַלטען עהרליך די מ ו ט ע ר".

דער ארבייטס־מענש, דער בעל־מלאכה שעצט, אַלזאָ, די פרוי. ער ליעבט זי און בעציהט זיך צו איהר ווי צו אַן אמת'ען לעבענס־חבר, שטעלט זיך ניט העכער פון איהר. נאָך בעסער: די פרוי פון דעם ארבייטס־מענשען, פון דעם בעל־מלאכה איז ניט נאָר ניט פערשקלאַפט, נור זי איז נאָך גאַנץ אָפט די הערשערין.

דעם שטריימעל מאַכער'ס ווייב איז אין דער היים די „רייטערקע". דער מאַן וואַרפט זיך איהר אונטער און טהוט וואָס זי הייסט איהם. ער האָט פאַר איהר, ווי עס ווייזט אויס, זאַגאַר מורא. קיין שלעכטע איז זי, דאַכט זיך ניט, כאָטש זי זשאַלעוועט איהם ניט קיין קללות, דאָך מוז ער נאָך א טרונק בראַנפען אָנקומען צו איהר.

דאָס זעלבע איז אויך מיט יונה באַץ. ער, דער עזות פּנים פון שטאָדט, פאַר וועמען אַלע ציטערען, גיט אָב אַלע זיינע פערדיענ־טען צו זיין ווייב שרה'לע. זי פיהרט אין דער היים די מלוכה. זי איז א אידענע א קאָזאַק. דעם לאַנגען יונה'ן איז אין שטוב גאָר ניט צו דערקענען. ער איז שטיל, געהט ארום אין דרייען געבויגען. „דאַרף ער אהיים געהן, לאָזט ער שוין אויפ'ן וועג אראָב דעם קאָפּ. ביי דער טהיר, איידער ער לעגט ארויף די האַנד אויף דער קלאַמקע, האָט ער נאָך א ישוב, צי קען ער נישט נאָך ערגעץ אוועקגעהן.

אויב נישט, בויגט ער זיך נאָך טיפער איין און עפנט". אזא מאכט האָט שרה'לע אויף איהם....

אָט אזוי לעבען און שטרעבען די ארימע אידישע ארבייטס־מענשען, די שעהנע בלומען פון דעם פערשטיקטען געהעטאָ, וועלכע אנדערע קינסטלער בעפאָר פרץ'ן זיינען פערבייגעגאנגען און ניט בעמערקט. אלע האָבען זיי ווארימע הערצער, צארטע נשמות און דיענען פאר א מוסטער פון ריינקייט און איידעלקייט.

6.

די אַרבייטס־פרוי ביי פרץ'ן.

אין דער גאלערעע פון די פראָטעסטירענדע בעלי מלאכות און אונטערדריקטע מענשעלעך פערנעהמט ביי פרץ'ן א גאנץ בעזונדער אָרט די פרוי. זי איז ביי איהם אלע מאָל די פערקערפערונג פון אלץ, וואס שעהן און גוט איז. זי איז אויך אין זיינע ארבייטער־ערצעהלונגען אין פיעלע פרטים שטארקער, אינטערעסאנטער איידער דער ארבייטס־מאַן. זי ווערט ביי איהם אפילו דערנאָך די פאָר־שטעהערין פון דעם מאָדערנעם ארבייטער.

די פרומע גרונע פון דער ערצעהלונג „מוסר" אָדער פון דעם איינאקטער „שאמפאניער" איז א כשר'ען סופר'ס א ווייב. זי איז אָבער שרעקליך פארביטערט געגען דער וועלט, ווייל צו שארף ווארפען זיך איהר אין די אויגען די אונגערעכטיגקייטען. א שכנה מאכט איהר פּאָרוואורף, פאר וואָס זי גיט ניט אכטונג אויף איהר מיזינקע, וועלכע פערברענגט גאנצע נעכט אונטער דער שטאדט מיט „קאפעליושען" און „צילינדערס", אין האליובענישען און קור־שענישען, אין „כרופען" ציקערקעס.... גרונע גיסט אוים פאר דער שכנה איהר אָנגעלאָדען הארץ. זי ווייזט אָן וואָס איז געוואָרען פון איהרע עלטערע צוויי טעכטער, וועלכע זי האָט געהיט ווי דאָס אויג פון קאָפּ, געפיהרט אין גאָט'ס וועגען; איז איינע פערזעסען געוואָרען אָן אַלטע מויד, אַן אויסגעדארטע, אויסגעקווארטע; די צווייטע האָט זי געוואלט וואָס גיכער חתונה מאכען, האָט זי איהר אויסגעגעבען פאר א שארלאטאַן א שניידער־יונג און ער האָט זי איבערגעלאָזען אַן עגונה. זיינען זיי ביידע פערצאָרענט, טרצען

זיי ביידע א האָט אויף קיינעם ניט, נאָר אויף זייער אייגענער מאַמען, וועלכע האָט זיך אוועקגעשטעלט „צווישען זיי און דער וועלט, צווישען זיי און דער זון“. ווייל זי ניט פערפינסטערען דאָס לעבען פון איהר מיזינקע. „זי ארבייט — זאָגט גרונע — אין א פאַבריק! זעכצעהן שעה א טאָג ארבייט זי, קוים אויף טרוקען ברויט פערדיענט זי.... זי וויל צוקערקעס אויך, זאָל זי עסען! זי וויל לאַכען, שטיפען, קושען זיך — זאָל זי! הערסט חנה — זאָל זי! איך קען איהר קיין זיסע זאַכען נישט געבען, קיין מאַן אודאי און אודאי נישט! א ציטרין פון איהר מאַכען וויל איך נישט, א לונגען־פעהלער געבען — נישט, נישט! זאָל שוין מיין טאָכטער מיך נישט האַסען, אויף מיך נישט וויינען!“

די שכנה פרעגט איהר, וואָס וועלען אבער לייט זאָגען אויף דער אויפפיהרונג פון איהר טאָכטער, ענטפערט דערויף גרונע מיט כעס: „זאָלען לייט פריהער אויף ארימע יתומים רחמנות האָבען, נישט ארבייטען מיט זיי, ווי מיט עזלען אומזיסט! זאָלען מענשען האָבען הערצער פון מענשען און ניט האַלטען ארימע לייט צום אויסדריקען, ווי לימאָנען;“... אויף דער שכנה'ס בעמערקונג צום סוף, אז גאָט וועט דערפאַר בעשטראָפען, שרייט גרונע אוים: „נישט מיך, נישט מיינע טעכטער! גאָט איז עהרליך, ער וועט עמיץ אַן אַנדערען בעשטראָפען, עמיץ אַן אַנדערען!“...

אז גרונע'ס ענטריסטונג איז א גערעכטע, בעווייזט דייטליך דאָס ליעד „דריי נעהטאָרינס“. אין דעם ריטם פונ'ם ליעד הערט זיך דער טאַקט פון דער קלאַפּענדיגער נעה־מאַשין, ביי וועלכער עס זיצען דריי יונגע מעדלעך; זיי ווערען פערוועלקט פאַר דער צייט אין שוויץ־פאַבריק. זיי זעהען ניט די ליכטיגע זון, זיי ווייסען ניט פון קיין פערגעניגען, און יעדע אויף איהר ארט פיהלט אין איהר פערוואונדעט הארץ, אז אומזיסט איז די האָפנונג ארויסצורייסען זיך אמאָל פון די נעגעל פון נויט. קיין מאָל וועלען זיי ניט וויסען פון ליעבע, פון פאַמיליענגליק, פון מוטערשאַפט. זיי זיינען פער־שקלאַפט צו דער ארבייט. די פּראָסטיטוציע שפּרייט ארום זיי א נעץ...

דאָס בילד, וואָס דער קינסטלער מאָהלט, איז א שטיק לעבען, פול מיט גרויל, און עס שניידט זיך איין טיעף אין זכרון מיט זיינע שווארצע ווירקליכקייטס־פאַרבען:

די אוינען רויט, די ליפּען בלאַה;
קיין טראָפּען בלוט אין באַק נישט דאָ;
דער שטערען בלאַס, בעדעקט מיט שוויים!
דער אטהעם אבגעהאקט און היים —
עס זיצען דריי מערלעך און גענען!

— — — — — — — — — — — — —

די נאָדעל — בלאַנק, די לייוועגד — שנעע,
און איינע טראכט: איך נעה און נעה.
איך נעה בייטאָג, איך נעה ביינאכט,
קיין חופּה־קלייד זיך נישט געמאכט!
וואָס קומט ארויס, איך נעה?

נישט איך שלאָף און נישט איך עס...
איך וואָלט געגנע'ן אויף מאיר בעל־נס,
אפשר וואָלט ער זיך געמיהט:
אַן אלמן כאָטש, אַן אלטען איד,
מיט קינדערלעך אַ שאָק!

— — — — — — — — — — — — —

די צווייטע טראכט: איך נעה און שטעפּ,
און שטעפּ מיר אויס נאָר גראָהע צעפּ!
דער קאָפּ — דער ברענט, די שלייף — זי האקט
און די מאשין קלאפּט צו צום טאקט:
טאַ־טאַ, טאַ־טאַ, טאַ־טאַ!

איך פערשטעה דאָך יענעמס ווינק!
אָהן אַ חופּה, אָהן אַ רינג,
וואָלט געווען אַ שפּיעל, אַ טאַנץ,
אַ ליעבע אויף — אַ יאָהר אַ גאַנץ!
נאָר דערנאָך, דערנאָך?

— — — — — — — — — — — — —

די דריטע שפּייט מיט בלוט און זינגט:
איך נעה מיך קראַנק, איך נעה מיך בלינד.
עס צוויקט די ברוסט ביי יעדען שטאָך,
און ער האָט חתונה די וואָך!
איך ווינש איהם נישט קיין שלעכטס!

עס, פערגעסען וואס אמאל,
תכריכים וועט מיר געבען קהל,
אויף א קליינטשיק פיצעל ערד;
איך וועל רוהען אונגעשטערט,
איך וועל שלאפען, שלאפען!

אט אזוי פינסטער און טרויעריג איז עס די לאגע פון די אר־ בייטערינס, און זיי ווילען כאטש אין דער פאנטאזיע אנדערש לע־ בען, זעהן א ליכטיגען שטראהל. די יונגע פוילישע נייטארין פון „מעשיות" געהט צום אידישען שרייבער, ווייל ער דערצעהלט איהר שעהנע מעשה'לעך, וואס טראגען זי אוועק אין אן אנדער וועלט. דאס איז פאר איהר א מין אפיום, כדי זיך צו פערגעסען אן אלע צרות. דעם אלטען וואסערטרעגער'ס עלטסטע טאכטער אין דאס בילד „די לעזערין" שלינגט שמר'ס ראמאנען שבת צו נאכט ביי א צאנקענדיגען ליכטעל; זי איז צורודערט, זי שרעקט זיך, אז דאס ליכטעל זאל ניט אויסגעהן און זי וועט זיך ניט דערוויסען דעם סוף פון פיפערנאטער. דערמיט לעבט זי, אין די אומגעלומ־ פערטע געשיכטעס געפינט זי אן אברוה פיר איהר עלענדער נשמה...

אהן אויפהער ארבייטען זיי, די הארעפאשניצעס, ביז וואנען זיי ווערען שיער ניט בלינד ביי דער ארבייט. אמאל טרעפט, אז די הייזער, וואו מען האט אט די מיידלעך בלינד געמאכט, לעגען זיך צונויף און בעזארגען זיי מיט „גליקליכע" שידוכים. אזא פאל ווערט געשילדערט אין דער ערצעהלונג „פורים־שפיעלער".

גוטע לייט האבען רחמנות געהאט אויף אן ארימע מיידעל; זיי האבען געמאכט א באל און אויסגעזוכט און „אויסגעטאנצט" איהר אן אלטען אלמן פאר פינף און פערציג רובעל נדן. מען האט דער כלה געקויפט א חתונה־קלייד. די נייטארין האט זיך אבער דורך דער גאנצער צייט ניט אריינגעמישט, אקוראט ווי ניט זי מיינט מען עס. ביז צו דער חופה איז זי געלעגען אויפ'ן בעט און זיך צוגעלעגט „ניקס־וואסער". זי האט דעם חתן ניט געדארפט, ניט געוואלט און אפשר ניט געקאנט זעהן.... די חבר'טארינס האבען אויף איהר געזאגט, אז זי איז „א שטיק האלץ, רחמנא לצלן, א שטיין", און איהרע בעלי־טובות האבען געמורמעלט, אז זי פער־ שטעהט ניט „ווי דאנקבאר צו זיין".

ווען מען האט אבער אריינגעבראכט דאס אבגעקויפטע חופה־

קלייד, האט זי געווארפען אן אויג אויף דער פערגעלטער ווייס־אטלעסענער שמאטע, און „שדים זיינען אין איהר אריין, — זי רייסט זיך ביי דער ברוסט, זי רייסט זיך אוים די האר, און ברעכט אוים אין א קראמפּהאפט געוויין. עס האט לאנג געדויערט, איידער מען האט זי בערוהיגט, איידער מען האט פון איהר צוריק געמאכט א שטיק האלץ אדער א שטיין, און געפיהרט צו דער חופה —

„נאר דאס קלייד האט זי דערקענט.... זי האט עס אליין גע־נייט, זי געדענקט פאר וועמען.... זי איז דערנאך אין סינאגאגע אריינגעגאנגען זעהן, ווי דער בלאנדער מלאך וועט אויסזעהן אין נעבעל פון העל בלויע גאזען און ווייסע שפּיצען“...

„און — זי האט אין איינוועגס דעם חתן דערקענט“ —

די ערצעהלונג ענדיגט זיך מיט א מוסר השכל: „נאר די וועלט פיהרט זיך שוין אזוי! רייכע כלות בעניי[ען] די חופה־קליידער פאר ארימע נייטארינס, און ארימע נייטארינס בענייען די חתנים פאר רייכע כלות“....

ניט קיין בעסערער שיקזאל עהווארט אויף די צוויי דלות־קינדער פון בילד „שוועסטער“. די פאבריק זויגט זיי אוים, ווי די נייטארינס, כאטש זיי זיינען נאך יונג און זייערע הערצער זיינען פול מיט לעבען. זיי קענען זיך ניט איינע די אנדערע, אבער זיי בעגעגענען זיך אלע טאג, געהענדיג צו דער ארבייט און פון דער ארבייט, און זיי פיהלען א נאהענטקייט צווישען זיך, ווייל איין מזל פעראייניגט זיי. קומט דער זומער פערבענקען זיך ביידע נאך גרינס, נאך בליהמעלעך, נאך עפּעס ווארים־לעבעדיגס, נאך „וואנ־סעלעך מיט אויגעלעך“. זיי געהען אוועק אין שטאדט־פּארק. דארט שפּיעלט מוזיק; פון די קאנדיטאריען טראגען זיך די ריחות פון גוטע מאכלים, און איינע טראכט פון געברענטער און געהאקטער קאווע און די צווייטע פון וואסער־זאפּט; „מען גיט עס אבער ניט אומזיסט“, און זיי בלייבען מיט פערשמאכטע ליפּען ביי זייער פערלאנג. זיי זעצען זיך אוועק. עס קומען צוגעהן „וואנסעלעך מיט אויגעלעך“ און פערפיהרען מיט זיי א געשפּרעך. ווי דער זיינער בעווייזט אבער א פיערטעל צו ניין, שפּרינגען אויף די צוויי דלות־קינדער און געהען אוועק יעדע מיט איהר וועג. זיי קענען זיך אפילו רעכט ניט זעהן, און דאס בילד פערענדיגט זיך, אז זיי וועלען זיך אפשר נאך אמאל דערזעהן אין שפּיטאל; אהין ברענגט דאס די פאבריק פיעלע, פיעלע ארבייטס־מעדלעך....

פול איז, אלזא, דער וועג פון די אָרימע טעכטער מיט שטרויכ־לונגען און שווערע נסיונות.

אין דעם איינאַקטער „שוועסטער" איז שוין איינע פון די צוויי לייבליכע שוועסטער געשטרויכעלט געוואָרען. לאה און נחמה זיינען ביידע דיענסטמיידלעך. זיי זיינען פול מיט לעבען, האָבען צאַפּלענ־דיגע נשמות. ווערט לאה רואינירט פון משה'לען דעם פעלשער־יונג און נחמה האלט רואינירט צו ווערען פון זרח'ן דעם שוסטער־געזעל. זיינען זיי אָבער ארבייטערינס, לעבט אין זיי טיעף די סאָלידאַריטעט, די אָפּפערוויליגקייט; לעגט פּאָר לאה אָבצוגעבען זיך זרח'ן, ווייל זי האָט מעהר גאָרנישט וואָס צו פערלירען: איהר וועג איז שוין אָנגעצייכענט. דערמיט וויל זי פערהיטען פון אַן אומגליק איהר שוועסטער נחמה, וועלכע איז נאָך אויף אָט דעם געפעהרליכען וועג ניט אַרויפגעטראָטען. כאַראַקטעריסטיש איז אין דעם פּרט דער געשפּרעך צווישען לאה'ן און זרח'ן:

ל א ה: אז דער יצר־הרע וועט דיר בעפאלען, זרח...

ז ר ח: איז וואָס? וואָס?

ל א ה: מאַך זי נישט אומגליקליך, זרח... ענטלויף דעמאָלט פון איהר... און...

ז ר ח: און וואָס, לאה, וואָס?

ל א ה: און קום צו מיר... איך בין שוין... א פערפאַלענע... לאָמיך כאָטש א קרבן זיין פאָר איהר....

דער זעלבער מאָטיוו הערט זיך אויך אין דעם איינאַקטער „א פריה מאָרגען" אָדער אין דער ערצעהלונג „משופע". דאָרט לעב־צען צוויי יונגע מעדעלשע נשמות נאָך געצום, און עס ווינקט זיי צו דאָס זינדיגע לעבען. ביידע זיינען זיי די טעכטער פון אַן ארי־מען אַלטוואַרג־הענדלער. די עלטערע, די לעבענסלוסטיגע רבקה, איז א נעהטאָרין. די אינגערע לאה איז א קראַנק קינד, שוואַכ־זיניג. רבקה ליעבט דעם גביר'ישען בחור גאָלדשטיין. ער דאַרף דאָס איהר פערשאַפען געצום. ער נאָרט אָבער אָב איהר האָפנונג און ווערט א חתן פאַר דער טאָכטער פון דער רייכער מאַדאם פּימ־סענהאָלץ. זי דערוויסט זיך דערפון פון איהר מוטער, וואָס דאַרף איינקויפען פאַר מאַדאם פּימסענהאָלץ אויף תנאים. איהר גליק איז צושטערט, פערשוואונדען איז אפילו דער טרוים וועגען גליק, פאלט זי מיט א שלוכצען אויפ'ן געלעגער.

ווען רבקה שלוכצעט אזוי, געהט צו צו איהר די שוואכזיניגע לאה. לאה דערצעהלט דאן, אז עפעס א פרעמדער יונגערמאן אין א גלאנצענדיגען צילינדער, וואס שטעהט אין גאסט־הויז, האט זי אריינגערופען צו זיך דורכ'ן פענסטער, ער האט איהר געקושט אין מויל אריין, אין די אויגען, אנגענומען ביי די בריסט און געגעבען א זילבערנעם רובעל. אויף מארגען האט ער צוגעזאגט צו געבען נאך א זילבערנעם רובעל. ער וועט מיט איהר פאהרען ווייט, ווייט אויף א שיף און געבען אלע טאג א קערבעל. ער האט זיך נאכגע־פרעגט צו זי האט נישט א שוועסטער, צו איז זי א שעהנע. די שוואכזיניגע, נאאיווע לאה פערשטעהט ניט וואס עס וויל דער יונ־גערמאן אין צילינדער. דער מיין פון דעם יונגענמאן מיט זיין זילבערנעם רובעל איז אבער דייטליך: ער וועט שוין פערפיהרען די ארימע קינדער, און ביידע וועלען זיי פאלען א קרבן פון די רייכע. גראד ווען לאה דערצעהלט די געשיכטע, דערהערט זיך אין פענסטער א פרעכער אויסגעשריי פון א שאכער: האנדעל, האנדעל!, און דער אויסגעשריי קלינגט ווי א סימבאל, אז פער־שאכערט ווערען ארימע אונשולדיגע לעבענס....

שרה לאה, פון דער פאלקסטהימליכער ערצעהלונג „נחת פון קינדער", ווייזט אויס, איז שוין דעם נסיון ניט בייגעשטאנען און איז אריינגעפאלען אין אבגרונד. דאס שטויסען מיר זיך אן פון איהר פאטער'ס ווערטער. געדיענט האט שרה לאה אין א פרעמ־דער שטאדט ביי א רייכען בעל־הבית, און ווען איהר מוטער איז געשטארבען, איז זי געקומען צו דער לויה. פאר דער צייט האט אבער איהר בעל־הבית באנקראטירט, און צווישען אלע זאכען, וואס זיינע בעלי־חובות האבען אבגעשריעבען און ליציטירט, איז אויך געוועזן שרה לאה'ס אויסשטויער, וואס זי האט מיט אזוי פיעל מיה אנגעזאמעלט; זי איז געבליעבען אחן א חעמד אויפ'ן לייב. דער פאטער האט איהר געוואלט חתונה מאכען מיט א גרוש, איז זי ענטלאפען, ווי זי שטעהט און געהט קיין לובלין, וואו זי דיענט ווייטער; פון דארט קלייבט זי זיך קיין ווארשא.

„א פאטאגראפיע האט זי מיר געשיקט, — דערצעהלט דער פאטער — שוין גאר נישט דאס קינד... גאט ווייסט, וואס מיט איהר טהוט זיך... משונה'נע אויגען עפעס... איך האב מורא צו זאגען: ממש פערשייטע... היינטיגע צייטען... א חתן, הער איך,

האט זי... ווען וועסטו חתונה האבען? פרעג איך אין יעדען בריעף. אויף אלץ ענטפערט זי; אויף דעם — נישט!"...

דער פאטער איז אונרוהיג; ער פערשטעהט, אז מיט זיין טאכטער איז עפעס ניט גלאט, און זיין אונרוהיגקייט איז ניט קיין אומזיסטע: היינטיגע צייטען לויערען דאך אויף די ארימע מעד־לעך אזוי פיעל אומגליקען, און שווער איז זיי צו בעשיצען דערפון — זיי ווערען ארייננעצויגען אין נעץ...

א שרעקליכער פעסימיזם וועהט פון די אלע זאכען פרץ'ס. דער גהינום פון דער קאפיטאליסטישער עקספלואטאציע שלינגט איין אלץ מעהר און מעהר יונגע מענשליכע וועזענס. פריה הויבען זיי אן צו פיהרען א קאמפף פאר עקזיסטענץ. די היים, וואו דער דלות פייפט אין אלע ווינקלעך, קען זיי ניט ערנעהרען, ווערען זיי ארבייטערינס, דיענסטען, כדי צו בעזארגען זיך אליין און זייערע נאהענטע. דאס לעבען איז פאר זיי א תפיסה, און זיי ווילען זיך ארויסרייסען פון איהר; יאגען זיי זיך כאטש נאך א שאטען פון גליק, און בעצאהלען דערפאר א צו טייערען פרייז: עס ווערט אוועקגערויבט זייער אונשולד, זייער גאנצע ריינקייט, זייער מענ־שענווירדע. געהען זיי אוועק אין פאבריק אריין, פערדארבט זי זיי נאר מיט איהר אבטעמפפענדער ווירקונג, מאכט זיי פאר אויך־טאמאטען, פערוואנדעלט זיי אליין אין מאשינען, אין שרייפלעך פון די מאשינען. די יונגע וועזענס דערפיהלען אפט די שוידערליכקייט פון זייער לאגע, און עס דער־וועקט זיך אין זייערע הערצער א פראטעסט. זיי זעהען אבער פאר זיך קיין אויסגאנג ניט; זיי זיינען מאכטלאז, ווייל די פאב־ריק טרייבט זיי אלץ טיעפער אין תהום אריין און צוברעכט זיי אינגאנצען פיזיש און גייסטיג. א מאדנע איז זי, די פאבריק:

„פול איז זי מיט ווארשטאטען. און ביי יעדען ווארשטאט שטעהט א פועל. דער ווארשטאט ווארפט זיך, און דער פועל ווארפט זיך מיט'ן ווארשטאט. און דער פועל מיט'ן ווארשטאט זעהען אוים ווי איין גוף, ווי איין חולה־נופל, וואס ווארפט זיך, שאקעלט זיך און זעצט...

„און וואס איז די נשמה פון דעם גוף? די פארע! זי דור־דערט מיט אלעם דורך לעדערנע רימען, מיט וועלכע יעדער וואר־שטאט איז ארומגענומען...

„אויסער דער פארע האט דא קיין גוף קיין אנדער נשמה

נישט, נישט דער ווארשטאט, נישט דער פּועל, וואס טהוט נאָך דעם ווארשטאט; זיי האָבען קיין נשמה נישט, קיין רצון נישט, קיין ידיעה נישט"...

אזא איינדרוק מאכט די פאבריק אויף דעם פּארציײטיגען קלו־גען יוחנן מלמד אין „וואָס אמאָל וועניגער". יוחנן מלמד פיהלט די טייפלישע קראַפט פון דער פאבריק און ער שטעלט זיך א פראגע:

„און ווען עס קומען אהער, אין דעם גהינום אריין, די גרעסטע נביאים, ישעיה, ירמיה... און ווען משה רבינו אליין, — ווען זיי עפענען די מיילער, און זיי ווילען ריידען, — צי וואלטען זיי איבער געשריגען דעם גהינום, צי וואלט זיי אימיצער פון די געפּייניגטע נשמות געהערט?"

יוחנן מלמד ענטפערט: „ניין, זיכער נישט!" דאס איז אבער ניט דער ענטפער פון קינסטלער.

פּרץ, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, גלויבט אין דער גרויסער צוקונפט, ווען אלע מענשען וועלען זיין גלייך, און אין די פראטעס־טירענדיגע ארבייטס־מענשען, בעלי־מלאכות זעהט ער דאס אויפ־קומען פון דער נייער מאכט, וועלכע וועט די מענשהייט בעפרייען. אָט די פּראטעסטאנטען זיינען נאָך אבער ווייניג זעלבסט בע־וואוסט. זיי בעגרייפען נאָך ניט וואס פאר א כח זיי בעזיצען, ווען זיי זאלען זיין פעראייניגט. טרייבען זיי אָן מיט זייער הילפלאָזיג־קייט אזא פעסימיזם. דאָרט, וואו מענשען הויבען זיך אבער אָן צו פערטראַכטען איבער זייער לאגע, וואו עס ערוועקט זיך דער מינ־דעסטער פּראָטעסט, איז דער פעסימיזם ניט קיין צושטערענדע קראפט, נאר א בויענדע. דאס רופט אנדערע צום קאמפּף, די מעהר שטארקע, די מעהר ענטשלאָסענע. דאס לאָזט ניט רוהען די מענשען און זיי הויבען אָן צו זוכען אן אויסוועג...

אָט דעם אויסוועג האָט געפונען דער נייער דור אידישע אר־בייטער, וועלכע האָבען אין זיך איינגעזאפּט די קאמפּפס־לופט פון דער נייער צייט, וואָס עס בעשאפט די גרויסע פאבריק אָדער דער גרויסער ווערקשטאט. ארבייטענדיג צעהנדליגערווייז צוזאמען, ווע־רענדיג געוועקט פון אזעלכע גייסטער, ווי פּרץ, האָט שוין דער פּראָטעסט פון דעם נייעם דור ארבייטער גענומען זיך אויסדריקען אין א בעוואוסטזיניגער פארם; האָבען זיי אָנגעהויבען צו בע־גרייפען וואו ליעגט דער ווארצעל פון אלע שלעכטס...

7.

דער מאָדערנער ארבייטער ביי פּרץ'ן.

דער נייער דור אידישע ארבייטער ווערט געשילדערט אין דער דראמאטישער פּאָעמע „ביי דעם פרעמדען חופּה־קלייד".

אין א מאָדערנעם ווערקשטאט זיצען מאָדיסטקעס און נעהען א חופּה־קלייד פיר א רייכער כלה. די אטמאָספערע איז דאָ גאָר אן אנדערע איידער אין די פריהערדיגע שילדערונגען; זי איז פול מיט קאמפּפס־שטימונג. מען פיהלט, אז דאָ זיצען ניט קיין ניע־דערגעשלאָגענע ארבייטערינס, וועלכע זיינען דורכאויס פערצווייפעלט. זיי זינגען טאקי פון הונגער און נויט, אבער אין זייערע ליעדער קלינגען טענער פון שטאָלץ, פון קלאסענבעוואוסטזיין. זיי דערצעהלען זיך וועגען זייער ארים לעבען און דעם לעבען פון דער מעדעלע מיט „די רויטינקע ליפּעלעך און אויגעלעך פערחלומ'טע—בלימעלעך געגנוי", פאר וועמען זיי פראָצעווען עס. אלע קנאָקען זיי דעם זעלבען נוס, וואס זייערע מאמעס. וועגען דעם זינגען זיי אלע אין כאָר, און דער כאָר הילכט אָב אזוי בעדייטונגס־פול אין ווערקשטאט מיט זיינע שעהנע, טיעף־דורכגעדרונגענע פערזען.

מיר דערוויסען זיך, אז די רייכע כלה, וואס זעהט אויס, ווי „א מלאך פון הימעל", האט זיך אפילו ניט געשעמט אריינצוזע־צען אין געפענגניס אן ארים מעדעל דערפאר, וואס זי האט פער־זעצט איהר'ס א שטיקעל זיידענעם אויף ברויט. ווי א לעבעדיגע שטעהט די טורמע, וואו דער „מלאך" האט פערזאָרגט די מעדעל אויף גאנצע דריי ווינטער־חדשים „מיט קוואַרטיר און קעסט". ווי ווייט טרויעריג עס איז דער שיקזאל פון די ארבייטער־מעדלעך, בע־ווייזט דאס ליעדעל פון איין מאָדיסטקע, וועלכע שילדערט זיך אזוי:

בלאס איז דאס זיידענצייג, פּונקט ווי מיין פּנים'על,
דורכזיכטיג־דין, ווי מיין חוט...
ריהרט מען עס, קרעבצט עס „אוי!", פּונקט מיינע ביינדעלעך —
דאָס הייסט א גליקליכע מויד.

די רעדער פון דער מאשין דרעהען זיך פעראיינס. די מאָ־דיסטקע איז שרעקליך אויסגעמאטערט, און עס ווילט זיך איהר וויסען, ווען וועט זי שוין מיט איהרע חבר'טעס רוהען. דערויף ענטפערען איהר די חבר'טעס אין כאָר:

עס איז פארהאן א שטיבעלע
אויף א שטילער גאס!
ס'האט קיין טהיר, קיין פענסטערל —
אייביג שטיל און נאס.

באטש מען צאהלט קיין דירה־געלד!
ווארפט מען נישט ארויס!
דארטען רוה'ן אויף אייביג שוין
די ביינדעלעך זיך אויס.

פון קיין שטעפען וויים מען נישט,
עס ווערט שוין נישט גענייהט...
צום שטיבעלע קומט איטליכער
אויף אייביג שוין בעקליידט!

א שארפער קאנטראסט בעקומט זיך: פון איין זייט ווערט געשילדערט די כלה, וועלכע וועט זיצען צווישען בלומען אויף א רייכען דיוואן, אנגעטהאן אין די טייערסטע קליידער מיט „בראבאנדערנע שפיצען", בעהאנגען מיט בריליאנטען, ארומגערינגעלט מיט „שפיגלען, זשיראנדאלען, לאמפען אלערליי". פון דער צווייטער זייט זעהען מיר יונגע מעדלעך, וואס שמאכטען ביי דער מאשין און וועלען זיך קענען אויסרוהען בלויז אין קבר; צוקאפענס וועט מען זיי שטעלען „גראשענדיגע ליכטלעך צוויי", און „גלעטען, פיעשטשען, טוליען וועט זיי נאר דער ווארם, דער ווארם!"...

איינע א יונגע האנד־מיידעל וויל ניט הערען דאס קלאגען זיך פון די חבר'טעס אויף זייער פינסטער לעבען, זינגט זי:

וואס פער'סם'ט איהר מיר דאס לעבען?
זינגט נישט אזוי שרעקליך!
ד' האב קיין סאמעט און קיין אטלאס —
נור די רויטע בעקלעך!

ד' האב קיין שפיצען, קיין בריליאנטען, —
ווייס איך וואס זיי טויגען!
ד' האב א האלז — אן אלבאסטער,
צוויי בריליאנטען — אויגען!

ד' דארף קיין פערל — זעהט די צייהנדלעך,
אך, ווי זיי געפעלען!
און די יונגע, פרישע ליפלעך
זיינען מיינע קרעלען.

פעהלט מיר גאָלד דען? זעהט די לאָקען!
און וואס גליק איז — וויים איך!
לאָזט מיר לאכען, לאָזט מיר לעבען —
„לוסטיג לעבען" הייס איך!

די חבר'טעס גיבען איהר אבער אָנצוהערעניש, אז פאר יע־דען פערגניגען מוז אן ארבייטער־מעדעל בעצאָהלען צו טייער, אז די געוועזענע „לעב־מעדלעך" מוזען דערנאָך זיך ארומשלעפען אי־בער די גאסען, פערשטויסענע, פערפאָלגטע, פערהאסטע, און „גראבלען זיך אין מיסט"; זייער סוף איז, אז פערשיעדענע שרעק־ליכע קראנקהייטען מאכען פון זיי א תל:

יונגערהייט א העזעלע,
געשפרונגען און געקישט;
צינד האָט עס קיין נעזעלע
און קיין גומען נישט!...

די מאדאם וויל, פערשטעהט זיך, ניט ליידען דאס זינגען און שמועסען פון די מאָדיסטקעס. זי מוסר'ט זיי, אז די ליעדער פערשאפען מעהר ניט ווי הארץ־דריקעניש, אז די נארישע קנאה איז אמת'ע גאל; רייכטום איז ניט אלץ, עס ברענגט נאָך ניט קיין גליק. דערביי בעמערקט זי, אז ליעדער קענען נאָך ארויסרופען טרערען:

און אז טרערען פאלען
פון דער שווערער נויט —
אויף די ווייסע קליידער
ווערט א פלעק אויף טויט.

נאָך איהר מיינונג איז דאס קלאפען פון דער מאשין די בעסטע מוזיק, און האָט מען ניט קיין איינגען גליק, דארף מען זינגען פון פרעמדען. די מאָדיסטקעס הערען זיך אבער ווייניג צו צו איהרע ווערטער; און פון זייערע ליעדער מיט דער מאדאם'ס ארייננמישען זיך וואקסט אויס א פראכטפול בילד פון דעם ארבייטער'ס לעבען,

פון זיינע ליידען און זיין קאמפף. די פּאָעמע פערענדיגט זיך מיט דער מייסטערהאפטער מעשה'לע וועגען די „צוויי ברידער“, וואס עס דערצעהלט איין מאָדיסטקע דער צווייטער.

די צוויי ברידער האָבען געלעבט צווישען זיך אין דער גרעסטער פריינדשאפט, כאָטש זיי זיינען געווען ארים און געארבייט זעהר שווער. איין מאָל איז אבער געקומען אויפ'ן שוועל פון זייער היי־זעל די שלאַנג, וואס האָט אראבגעפיהרט פון וועג חוה'ן און אדם'ן. איהר פעל האָט געגלאנצט פון שמאראגדען, און דעם עלטערען ברודער האָט זיך פערוואָלט האָבען כאָטש איין שמאראגד. האָט איהם די שלאַנג פערנארט אין וואלד אריין און אויסגעזאגט דעם סוד, ווי אזוי מען קען קריגען א שמאראגד און ווערען רייך:

„בעטראכט נור דיין ברודער, דאס איז א פאבריק,
פון קרעלען, בריליאַנטען, דיאַמאַנטען און גליק!
עס טרעפט זיך, ער ארבייט, און וואונדערליך הייס
ווערט איהם, דער שטערן בעדעקט זיך מיט שווייס;
עס טריפען די טראָפּען!... ער ווישט מיט דער האנד;
לאָז נישט! דער טראָפּען דאָס איז א דיאמאנט!
נאָר ארבייטען הייס!
קלייב אויף דעם שווייס!
שיסט דו אָן פעסער דיאמאנטען!“

„עס טרעפט און איהם פאלט פון די ברעמען א טרעהר,
דו שוטה, דו מיינסט, עס איז וואסער נישט מעהר,
און טרייסט איהם, און האלזסט איהם, דו האלסט עס ניט אויס,
און קושט איהם די טרעהרען פון ד'אויגען ארויס!
פערשווענדסט דיין פערמעגען, דו, נארישער קאָפּ,
לאָז וויינען, לאָז וויינען! און קלייב יעדען טראָפּ!
א טראָפּ, האָב פערשטאַנד,
דאָס איז א בריליאנט,
רייך וועסט דו זיין ווי א קעניג!“

„דערנאָך — האָט דיין ברודער אן עדעלע פעל,
א שטאָך מיט א נאָדעל — דו האָסט שוין א קרעל!

בלום — זאָגסטו — איז עס, בלום — זאָגסט דו — א קאַץ.
דו נאַר! עס איז קרעלען, דו צאַפּ נור און צאַפּ!
זאָל ער נאַר בלוטען און בלוטען נישט קאַרג!
אָנשיטען וועסטו שוין קרעלען א באַרג!
דו האָסט א פּאַבריק,
און מאַך דיר דיין גליק,
ביזט שטאַרקער און ווייסט שוין דעם סוד!"

דער עלטערער ברודער פאָלגט די שלאַנג. ער קומט אהיים און שרייט אויס:

מיין ברודער איך ווייס!
נור טרעהרען און שווייס
זיינען בריליאַנטען, דיאַמאַנטען!

פון דאַן אַן האָבען די ברידער אויפגעהערט צו זיין ברידער, אין שונאים האָבען זיי זיך פערוואַנדעלט.

„און עס איז געקומען אויףביידע גאָט'ס שטראָף!
האָס גליק איז פערשוואונדען, עס וויכט זיי דער שלאָף,
אוועק איז די ליעבע, דער פריעדען אוועק! —
דער שלאָפט ניט פאַר וועהטאָג, דער צווייטער — פאַר שרעק;
דער שרייט: ס'איז מיין עשירות, מיין רייכטהום, מיין גוט!
און יענער: ס'איז טרערען, מיין שווייס און מיין בלוט!"

דער סוף דערפון איז:

„אויף יענער זייט ים
רייסט מען זיך שוין ביי די האָר"!...

און דער „יענער זייט ים" איז אומעטום, וואו עס קומט פאַר די מלחמה צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט. די ברידערשאַפט פערשווינדט; שנאה און האַס פערנעהמט איהר ארט.

אין דער מעשה'לע וועגען די צוויי ברידער ווערט אויף אזא אופן איבערגעגעבען אין א העכסט פּאָעטישער פאָרם דער גאַנצער קלאַסענקאַמפּף פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג; און זי דיענט אונז אלס ענטפער, וואו עס ליעגט דער ווארצעל פון די אלע לייַ־דען און פּיין פונ'ם ארבייטער־קלאַס. דאַס האָבען נאָך ניט פערשטאַנען און ניט געקענט פערשטעהן די אמאָליגע ארבייטס־מענשען, זאָגאַר די בעלי־מלאכות. דער „שטריימעל־מאַכער" האָט געפיהלט, אז עפּעס איז ניט גלאַט אויף דער וועלט; דאָס האָט אפילו גע־

פיהלט דעם סופר׳ס ווייב גרונע. די חיינטיגע אידישע ארבייטער, די קינדער און אייניקלעך פון די ארבייטס־מענשען און בעלי־מלאכות, פערשטעהען אבער דאס שוין, זיי ווייסען שוין די אורזאכען פון זייער נויט, קעמפפען זיי פאר א בעסער און שעהנער לעבען.

כדי נאך דייטליכער אונטערצושטרייכען די עקספלואטאציע, וואס די ארבייטער האבען אויסצושטעהן, ענדיגט זיך די פאעמע מיט דער אויפפאדערונג פון דער מאדאם צו די מאדיסטקעס: „קומט מארגען פריה!“...

דאס בילד איז, אלזא, פאלשטענדיג, און ניט אומזיסט איז „ביי דעם פרעמדען חופה־קלייד“ פעררעכענט פאר די גלענצענדסטע זאך אין דער אידישער ליטעראטור, וואו עס איז געשילדערט געווארען אזוי בולט דער ארבייטער־קאמפף. די מאדיסטקעס זיינען אמת בעוואוסטזיניגע ארבייטערינס, און זיי האט דער דיכטער ארומגעהויכט מיט א זעלטענער צארטקייט; ער האט ארויסגעבראכט זייערע שעהנסטע נשמה־בעוועגונגען, און ער האט געפונען די פאסענדסטע פארם ווי זיי איבערצוגעבען. אין הינזיכט פון טעכנישער אויסגעהאלטענקייט און בויגזאמקייט, פון אמת׳ער ליר־ישער שעהנקייט פערנעהמט „ביי דעם פרעמדען חופה־קלייד“ א גאנץ בעזונדער ארט אין פרץ׳ס דיכטונג.

אין דער דאזיגער פאעמע ווערט אבער נאך ניט אנגעוויזען, ווי אזוי די בעוואוסטזיניגקייט פון די ארבייטס־מעדלעך דריקט זיך אויס אין לעבען, אין דעם ווירקליכען ארבייטער־קאמפף. עס ווערט דא מעהר ניט געשילדערט זייער ערוואכונג, ווי אזוי זיי הויבען אן צו בעגרייפען די אורזאכען פון זייער טרויעריגער לאגע. אין דער אויבענדערמאנטער ערצעהלונג „נחת פון קינדער“ מאכט שוין דער קינסטלער א טריט ווייטער און ווארפט אן אייניגע שטריכען פון אן ארבייטערין — א קעמפפערין.

שרה לאה׳ס איינגערע שוועסטער איז א נייטארין. זי וויל אויך ניט פערבלייבען אין דער היים. פאהרט זי פון דארטען אוועק פריהער אין דער פראווינץ און שפעטער קיין ווארשא. זי שרייבט דעם טאטען, אז זי פערדיענט שוין אזוי פיעל און אזוי פיעל, און אויב ער דארף געלד, וועט זי איהם שיקען. דערנאך ווערט שטיל. עס גיהט אוועק א חודש, צוויי און דריי חדשים — און ניטא פון איהר קיין איינגעטונקט פעדער, ווי אין וואסער אריין. „פערקויף

איך — דערצעהלט דער פּאָטער — דאָס לעצטע העמד און כאַפּ מיר אַראָב קיין ווארשאַ, — זי ז י צ ט! דאָס סמאַרקאַטע מיי־דעל ווערט אַ מורד במלכות! אַז מען צאָהלט איהר נישט וויפיעל זי וויל, וויל זי די וועלט איבערקעהרען, לויפט זי אַרום מיט אַ רויטען פאָהן"... דער סוף איז, אַז מען פערשיקט זי אין טיעף רוסלאַנד אויף גאַנצע פינף יאָהר... זי פערווירקליכט, אַלזאַ, אינ'ם לעבען די אידעאַלען פון די מאָדיסטקעס...

א מעהר גענוי בילד פון דער מאָדערנער אידישער ארבייטערשאַפט ווערט שוין געגעבען אין דער קאָמעדיע „אַמאָל איז געווען א מלך"*), וועלכע איז פערפאַסט געוואָרען אין דעם שטורם־און דראַנג־פּעריאָד אין רוסלאַנד פון די יאָהרען 1905־6.

אין דער קאָמעדיע האָט פּרץ געמאַכט אַ פּערזוך צו שילדערען דעם ערוואַכטען אידישען ארבייטער אין דעם רעכטען ברען פון פרייהייטס־קאַמפּף. ליידער, איז דאָס איהם ניט געלונגען. עס איז קיין ספק ניט, אַז ער האָט געקענט געפינען בעסערע טיפּען אין דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג פון יענער עפּאָכע, אַנדערע פּאָהנענטרעגער, איידער דעם בעגרענצטען און שמאָלקעפּיגען גבריאל. דאָך איז אַ טעות צו מיינען, אַז מיט'ן טיפּ פון גבריאל האָט דער פריינד פון דער אידישער ארבייטער־בעוועגונג געוואָלט אויסלאַכען דעם קעמפּפענדען אידישען פּראָלעטאַריאַט, ווי פיעלע טייטשען עס אויס.

גבריאל בעגעהט אַ שרעקליכע טהאַט. ער שיסט אין דעם וואוילען, גוטמוטיגען, האָרעפּאַשנעם יונגענמאַן יוסל, וועלכער אַרבייט ביי זיין שווער, וואו מען סטרייקט. גבריאל איז אָבער פער'שכור'ט פון דער אַרומיגער קאַמפּפס־אַטמאָספערע און ער בעגרייפט אַליין ניט וואָס ער טהוט. ער גיט אַליין צו, אַז ער איז יוסל'ען ניט קיין שונא. ער איז איבערגעגעבען צו דער ארבייטער־בעוועגונג מיט לייב און לעבען; ער אָפּפערט מיט אַלץ פיר זיין אידעאַל; צוליעב דעם גט איהם אָב אפילו זיין ווייב. זי וויל ניט בלייבען קיין עגונה, ווען ער וועט ערגעץ פערפאַלען ווערען אין

*) געווען געדרוקט צום ערשטען מאָל אין דער אידישער סאָציאַליסטישער צייט־שריפט „די פּראָלעטאַרישע וועלט", ארויסגעגעבען פון דער פּ. פּ. ס.

טורמע, אויף קאטארגע. זי גנב'עט ביי איהם צו די קינדער, און ער האט אפילו קיין צייט ניט צו טראכטען, צי עס טהוט איהם וועה דערפאר. ער איז א קינד פון דער מאסע, וועניג ענטוויקעלט, ווייס ער איין זאך: מלחמה איז מלחמה! די ארבייטערינס בע־ציהען זיך צו יוסל'ען מיט גרויס מיטלייד, דאך טראגען זיי אויף גבריאל'ן ניט קיין שום האס. זיי ערקלערען זיין אונזיניגע טהאט מיט איין זאך: „ער האט געטהאן זיין שליחות", און זיי פאלגען איהם, זיי הערען זיך צו צו זיינע בעפעהלען.

פרץ בעציהט זיך צו גבריאל'ן איראניש, אבער ניט אונסימ־פאטיש, ווייל ער פערשטעהט גאנץ גוט, אז ביי נארמאלע בעדינ־גונגען וואלט גבריאל געהאנדעלט אנדערש און געווען אין גאנצען אן אנדערער. מיט דער קאמעדיע לאכט ער, אלזא, ניט אויס די אידישע ארבייטער־בעוועגונג מיט איהרע פיהרער, נאר ער בע־דויערט די אומשטענדען, וואס מאכען, אז אזא גבריאל זאל קע־נען שפיעלען א ראלע. דאס האט פרץ בעצוועקט מיט דער קאמעדיע, ווי ער האט ערקלערט אין א פערזענליכען געשפרעך.

דאס, פערשטעהט זיך, שוואכט ניט אב די אונגעלונגענהייט פון „אמאל איז געווען א מלך". מען דארף אבער ניט פערגעסען, אז פרץ האט אין יענע יאהרען זיך אביסעל דערווייטערט פון דער ארבייטער־בעוועגונג, כאטש ער האט מיט איהר, ווי פריהער, סימפאטיזירט. מיט איהר פראקטישער, טאג־טעגליכער טהעטיג־קייט איז ער געווען אונבעקאנט, און ער איז געווען אויפגעבראכט פאר די סטרייקס, וואס מען פלעגט אנפיהרען ביי די קליינע בעלי־בתים'לעך, וועלכע זיינען אליין האלבע פראלעטאריער. מיט זיין ברייטען קוק אויף זאכען האט ער אבער געפונען א רעכט־פערטיגונג פאר דעם אין די אומשטענדען, און דער קינסטלער־חוש האט איהם אונטערגעזאגט, אז ער דארף גבריאל'ן ניט טאד־לען; גבריאל איז א פראדוקט פון אן אונגארמאלער נערוועזער צייט, קען מען זיך בעציהען צו איהם בלויז איראניש, און מען דארף ניט צוליעב אזעלכע גבריאל'ס ארויפווארפען די שולד פאר אומגעלומפערטע טהאטען אויף דער גאנצער אידישער ארבייטער־בעוועגונג. מיט דער איראניע האט פרץ געמיינט, וועט ער ארייננטראגען אביסעל אויפקלערונג אין די מוחות, „בערוהיגען די צושטרייטע נערווען", ווי ער האט זיך אויסגעדריקט אין דעם

דערמאָהנטען פּערזענליכען געשפּרעך; און דער פּאַקט אַליין, וואָס ער האָט די קאָמעדיע געדרוקט גראָד אין אַ סאָציאַליסטישען אָר־גאַן, נור ניט אַנדערש וואו, בעווייזט, אַז זיין מיין איז געווען אַ גוטער...

גבריאל איז, אַלזאָ, פּרץ'ן ניט אַנטיפּאַטיש; דאָך איז ער אַן ארבייטער, דאָך קעמפּפט ער פאַר פרייהייט, כאָטש ער איז בעגרענעצט און שמאָל־קעפּיג. דערפאַר בעציהט זיך פּרץ מיט אַן אמת'ער אַנטיפּאַטיע צו אַן ארבייטער, וועלכער ווערט אַליין אַן עקספּלואַטאַטאָר, אַ בעל־הבית.

אין די צוויי דראַמאַטישע בילדער „וועגען קינדער" איז מאיר דער שניידער־געזעל פון אָנפאנג א גאַנץ סימפּאַטישע פיגור. ער איז סימפּאַטיש מיט זיין ליעבע צו זיין קרובה מרים, מיט זיין בענק־שאַפט נאָך אַ שעהנער לעבען. ער וויל בעהאַלטען פון מרים'ן זיין ליעבע; ער האָט מורא חתונה צו האָבען מיט איהר, ווייל „דער דלות לאָזט נישט לעבען", ווייל ער וויל זי ניט פער'משפּט'ען צו אַ לעבען פון נויט און דחקות, „אויף קהל'ס חשבון קינדלען און בעגראָבען", ווי די רייכע פלעגען טענה'ן צו זיין טאַטען, וועלכער פלעגט אויף דער עלטער ארומגעהן צו זיי נאָך הילף. ווערט ער אָבער אַליין אַ מייסטער, בייט זיך אינגאַנצען זיין פּסיכאָלאָגיע. ער איז שוין אַ טיפּישע „פּיאַווקע", אַ שמאָל־קעפּיגער עגאָאיסט. וועלכער זאָרגט נור פיר זיך אַליין און וויל קיין זאַך ניט וויסען.

מרים בלייבט די זעלבע שעהנע נשמה, וואָס אַמאָל. זי דער־קאָנט ניט איהר מאַן; זי וואונדערט זיך, ווי אַזוי אַ מענש קען זיך אַזוי ענדערן. ער מאַטערט זי, און זי ווערט אָבגעשוואַכט און געהט אַרום, ווי אַ שאָטען. איהם אַרט דאָס אָבער ווענינ. אבי איהם זאָל אַלץ נאָכגעגעבען ווערען. צום סוף גט ער אָב זיין אַמאָליגע היים־געליעבטע מרים, ווייל ער האָט מיט איהר קיין קינדער ניט. ער טהוט עס אַזוי אויסגערעכענט, אַקוראַט ווי עס וואָלט זיך געהאַנדעלט וועגען מאַכען עפּעס אַ געשעפטעל. ער בעציהט זיך זעהר שלעכט צו זיינע ארבייטער, שינדט פון זיי די הויט און קוקט אויף זיי מיט פעראַכטונג. ער שעמט זיך ניט אַפילו אָראָבצורעכענען זיינעם אַ געזעל פאַר אַ פערטעל טאָג, ווען יענער פערשפּעטיגט צו קומען צו דער ארבייט צוליעב'ן טויט פון זיינס אַ קינד.

די געזעלען מאיר'ס זיינען שוין בעוואוסטזיניגע ארבייטער. זייער בעל הבית האסען זיי. דאס קען מען זעהן פון די פאר בעמערקונגען, וואס זיי מאכען צייטענווייז אויף זיין חשבון. זיי פערשטעהען גאנץ גוט זיין עקספלואטאטארישע נאטור, און, ווי עס ווייזט אויס, לאזען זיי זיך שוין גאר ניט טרעטען מיט די פיס. זיי זינגען ביי דער ארבייט. מאיר'ן שמעקט עס ניט; ער הייסט זיי שווייגען, ווייל „נישט פאר זינגען צאהלט ער זיין בלוט". זיי ווענדען אבער דערויף ניט קיין אויפמערקזאמקייט; זיי האבען אויך א דעה איבער זיך. און זיי זינגען ניט קיין אלטמאדישע ליעדלעך, נאר מאדערנע רעוואלוציאנערע ליעדער; דאס איז א סימן, אז זיי זיינען שוין דורכגעדרונגען מיט די אידעען פון דער נייער צייט.

דער ארבייטס־מענש, דער בעל־מלאכה, דער ארבייטער, ווי מען זעהט, פערנעהמען ביי פרץ'ן א גרויסען ארט אין זיינע ווערק, און אלע מאל זיינען זיי ביי איהם שעהנע טיפען מיט גאנצע נשמות. אפילו גבריאל פון „אמאל איז געווען א מלך" איז אויס־געהאלטען מיט זיין גאנצקייט, מיט זיין גראדקייט. אלע זיינען זיי מענשען מיט העכערע פערלאנגען, מיט א בענקשאפט צו שעהנ־הייט, מיט א סך לעבענס־לוסט; און אויב עס טרעפען זיך צווי־שען זיי אזא שלים־מזל, ווי "באנציע שווייג", אדער איינער, וואס ווערט אליין אן עקספלואטאטאר, ווי מאיר, קען מען זיי ניט אריינרעכענען אין כלל. זיי שטרייכען מעהר ניט נאך בולט'ער אונטער, ווי ווייט פרץ האט סימפאטיזירט מיט'ן אמת'ן ארביי־טער, מיט'ן שטרעבענדען, פראטעסטירענדען; און לעזט מען דורך אויפמערקזאם זיינע ווערק, ערקונדיגט מען זיך, אז די ארבייטס־מענשען, די בעלי־מלאכות, די ארבייטער זיינען זיינע פאזיטיווים־טע העלדען. אין אזא געשטאלט טרעטען זיי אפילו ארויס אין דער דערמאהנטער סימבאלישער דראמע „ביי נאכט אויפ'ן אל־טען מארק".

אין „ביינאכט אויפ'ן אלטען מארק" האט דער קינסט־לער געוואלט געבען א בילד פון גאנצען אידישען לע־בען; און אין דער געשטאלט פון די פערשיעדענע מתים, וועלכע די פאנטאסטישע פיגור פון בדחן רופט ארויס צו חצות פון די קברים, געהען פארביי אלע שיכטען פון אידישען

פאָלק מיט זייערע שטרעבונגען און האָפנונגען, מיט זייערע פרייד־ דען און ליידען. צווישען די דאָזיגע שיכטען צייכנען זיך וויע־ דער אויס די שאָטענס פון די ארבייטער; זיי זיינען די פערקער־ פערונג פון עפּעס העכערעס, קעמפּפענדעס, פון מענשען, וואָס האָבען אַ בעשטימטען אידעאַל און ברענגען פאַר איהם קרבנות.

די ארבייטער, פיער אין צאָהל, אַ בלינדע, אַ לאָמער, אַ געהאַנגענער און געקעפּטער, זיינען אַלע געפאַלען אויף ד ע ר וועלט קרבנות פון אונטערדריקונג און קאַמפּף. די בלינדע האָט פערלאָ־ רען איהרע אויגען אין נאַסען קעלער, וואו זי האָט אַלע איהרע יאָהרען אָבגעפינסטערט ביי דער ארבייט. דער לאָמער איז יאָה־ רענלאַנג אין קייטען געזעסען, האָט איהם אַ פוס אָבגעפוילט; מען האָט די פוס אָבגעשניטען, אָבער ער איז אַלץ זיכער, אז „פאַר־ ווערטס געהט דער וועג". דעם געהאַנגענעם האָט מען אָנגעטהאָן אַ שטריק אויפ'ן האַלז, ווייל ער האָט געקעמפּפט פאַר פרייהייט, און ער זעהט אַלץ „די נייע צייט, דאָס גליק אָהן אַ סוף, און אַלץ, וואָס וועט געשעהן". דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן געקעפּטען, וועלכער בעגעגענט זיך אויפ'ן עולם האמת מיט זיין הענקער, מיט'ן סאָלדאַט, וואָס האָט איהם געשאָסען. דער סאָלדאַט פער־ ענטפערט זיך, אז ער איז אונבעוואוסטזיניג געווען, און ווען ער איז בעוואוסטזיניגער געוואָרען, האָט מען איהם אַליין געשאָסען. ביי־ דע, דער געקעפּטער מיט'ן געשאָסענעם סאָלדאַט, געהען אַוועק געאָרימט; איצט זיינען זיי ברידער, וואָס האָבען געשטרייט פאַר איין זאַך.

צו דער אידעע, אז אידען דאַרפען האָבען אַן אייגענע היים, בעציהען זיך די ארבייטער סקעפּטיש, דאָס איז נאָך זייער מיי־ נונג מעהר ניט ווי אַ חלום, און זיי ענטפערען די רעדנער, וואָס ריידען וועגען אַ סיים, וועגען אַן אייגען לאַנד, מיט די פאָלגענדע ווערטער:

איין ארבייטער:

איין קאָנסעקווענץ!
נישט ד אָ ס , נישט י ע נ ע ס !
אַלץ, וואָס שטיקט,
דריקט,
לעבט פון רויב

און ווערט פערגעטערט, —
מוז ווערען צושמעטערט, —
אויף שטויב, אויף שטויב!

א צווייטער:
עס געהט דער נייער מענש, דער העלד —
אויף גאט און וועלט,
אויף תפיסות און קייטען!

בלינדע:
איך הער איהם פון ווייטען!

געהאנגענער:
איך זעה'ם די ארים צושפרייטען!

לאמער:
אט טרייבט ער אין פולען גאלאפ,
עס געהט דער נייער מענש, ער קומט!

ווי א דיסאנאנס קלינגען אט די ווערטער אין דעם אלגעמיי־נעם מתים־כאר, אין דער בעגייסטערונג פונ'ם רעטזעלהאפטען דיכ־טער פאר „די אלטע טויער, די הייליגע ווענד“. דאס אנזאגען פונ'ם דיכטער:

הנה ימים באים...
עס קומען טעג, גרויסע טעג...,

הארמאנירט ניט מיט'ן אידעאל פון די ארבייטער. זיי ווילען נייעס בעשאפען, ער וויל דאס אלטע בעשיצען, און אלס בויער פון א ניי לעבען, פון א נייער צוקונפט אויף נייע יסודות שיל־דערט פרץ אומעטום די ארבייטער. ער ווייס, אז דאס זיינען זיי, דאס איז זייער העכסטער בעגעהר, דעריבער שעצט ער און ליעבט זיי אזוי...

8

פרץ אלס פרייהייטס־גייסט.

דאס סאציאלע פראבלעם פערנעהמט ביי פרץ'ן א גרויסען ארט. אין אלע זיינע ווערק געהט דורך, ווי א רויטער פאדים, דער אונטערשיעד צווישען ארים און רייך. אומעטום איז ער אויף דער זייט פון די ארימע, פון די אונטערדריקטע; אומעטום

ארויס זיין פּראָטעסט געגען די רייכע. אין ליעד „דאָס געבעט" פון דער אבטיילונג „פון דער ארבייט" קלאָגט ער זיך צו גאָט אויף

דעם אַבגרונד, דעם טיעפען,
וואָס טיילט דיינע קינדער
אויף שטאַרקע און שוואכע,
אויף לעמער און שינדער.

און ער מאָהלט אין שטאַרקע פּערזען די טרויעריגע רעזולטאַטען, צו וועלכע אָט דער אונטערשיעד ברענגט. דער „אַבגרונד" איז ברייט און טיעף, די ריינסטע אידעען ווערען דאָרט מיט בלוט בעשפּריצט; עס הערשט פערצווייפלונג, עס טראָגט זיך אַ געוויין פון יוועהטאָג און יסורים, און עס איז קיין וואונדער ניט, וואס

דאָרט ברעכען די פליגעל
די אַדלער די גרעסטע;
דאָרט ווערען פערשטיינערט
די הערצער, די בעסטע...

דער קינסטלער געהט איבער'ן יאָמער־טהאָל, דער „אַבגרונד" לאָזט איהם ניט רוהען און עס מאַטערט איהם די פראַגע „וואָס טראַכטען און קלערען" אלע די, „וואָס שטופען די טאַטשקע פון צרות". שרעקליכע בילדער זעהט ער פאַר זיך, אבער ער פיהלט דאָס אָנקומען פון אַ נייעם טאָג, פון אַ טאָג, ווען דער „אַבגרונד" וועט פערשווינדען.

מיט אָט דעם געפיהל, מיט אָט דער שטימונג זיינען דורכגעדרונגען אלע פּרץ'ס ווערק. דער „היינט" מאַכט איהם אָפט פּעסימיסטיש, אָבער ער זעהט אין איהם די שפּראָצען פון אַ נייעם „מאָרגען", און ער ווערט פול מיט אָפּטימיזם. ער ווייס, אז דאָס סאָציאַלע פּראָבלעם לעגט ארויף זיין שטעמפּעל אויף דאָס גאַנצע לעבען, בעשטימט "דעם וועג פון דער מענשהייט", און עס שטופּט ביי איהם ארויס דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם. אפילו ריין־אידישע טהעמען קריגען ביי איהם אַן אַלגעמיין־מענשליכען כאַראַקטער.

איינס פון פּרץ'ס שטאַרקסטע ליעדער איז „יוכבד". זי, יוכבד, איז געוואָרען אַן אם פון איהר אייגען קינד, משה רבנו, וואָס פּרעה'ס טאָכטער האָט ארויסגענומען פון טייך ניל. יוכבד איז אַ אידישע העלדין, אָבער פּרץ שילדערט זי אַלס פּאַרקעמפּפערין ניט בלויז פון נאַציאָנאַלער פרייהייט, נור פון פרייהייט בכלל.

איהרע ווערטער קען זינגען איבער'ן קינד'ס וויעג יעדע מוטער, וואס געהערט צו אן אונטערדריקטען פאלק אדער קלאס.

יוכבד זינגט דעם צוקינפטיגען משה רבנו און טראכט וואס ווערט פון איהם אויסוואקסען. זי זינגט איהם:

איך זויג דיך מיט מיין בלוט, מיין קינד,
זויג דיך טעג און נעכט...
צי זויג איך אויס א פרייען מענש,
צי זויג איך אויס א קנעכט?

וועל איך צו די טויזענדער
נאך א קנעכט ערציהען?
ווערסט פאר פרעה'ס געטער נאך
און פאר'ן פרעה'ן קניהען?

פון דעם געדאנק כאפט אן די מוטער א גרויל. אויב דאס זאל זיין איהר קינד'ס שיקזאל, דאן זאל עס שוין בעסער זיין „א רויב פאר ווילדע פויגעל". ניין, זי וועט ניט דערלאזען, אז איהר קינד זאל לעקען פרעה'ס שטויב, און זי שרייט אויס:

איך וויל אליין דערשטיקען דיך!
ווארפען אין דעם ניל!
שלינגען זאל דיך בעסער איין
דארט די קראקאדיל!

וויפיעל האס צו קנעכטשאפט קלינגט אין אט די ווערטער. וויפיעל פרייהייטס-שטאלץ דריקען זיי אויס. די מוטער איז אבער זיכער, אז איהר זוהן וועט ניט אויסוואקסען קיין קנעכט. ער הערט די קייטען קלינגען, ער איז אין זיי געבארען, און עס זאמלען זיך ביי איהם אין הארצען קוואלען פון פראטעסט, פון רעוואלט. ער פיהלט דאס געיאמער פון די אומגליקליכע, וועלכע די קנעכטשאפט דריקט אזוי אונ'ברחמנות'דיג, דאס סוויסטשען איבער זייערע פלייצעס פון דעם מצרי'ס ביימש; ער „בעהאלט אין זיך די אלע טראפען גיפט", און אט צו וואס פיר א שלום יוכבד קומט:

און עס מישט זיך אלץ צוזאמען,
אלצדינג אין דיין מח...
און דו ווערסט א העלד אויסוואקסען,
דו ווערסט קריגען כח...

און דו וועסט די יאָך צוברעכען...
און בעפרייען ברידער...

קיין אַנדער צוקונפט קען זיך יוכבד ניט פאָרשטעלען פאַר איהר זוהן. די גרויסע האָפנונג וועגען דעם גיט איהר מוטה און קראַפט אריבערצוטראָגען אַלע ליידען און פּיין, די שרעקליכע טראַגעדיע פון איהר מוטער'ס הארץ, וואָס זי דאַרף זיך פאָרשטעלען אַלס אַם פיר איהר אייגען קינד, וואָס זי טאָר ניט ארויסווייזען אָפען איהר ליעבע צו איהם.

אָט דער האַס צו קנעכטשאַפט, אָט דאָס שטרעבען צו בעפרייאונג פיהלט זיך בעזונדערס שטאַרק אין פּרץ'ס ביבלישע מאָטיווען, הויפּטזעכליך אין די בעאַרבייטונגען פון „יחזקאל", און אין פיעלע פון זיינע אַלעגאָרישע מעשה'לעך.

די אַלעגאָרישע מעשה'לעך דריקען אויס טיעפע פרייהייטס־געדאַנקען, ענטהאַלטען אין זיך אַ שאַרפע קריטיק אויף דער עקזיסטירענדער אָרדנונג, אויף איהר אוננאָרמאַלקייט. אָפען האָט דער קינסטלער אין רוסלאַנד די קריטיק ניט געקענט ארויסזאָגען, האָט ער דאָס געטהאָן פערשטעלטערהייד, און מען האָט זיך שוין דערגראָבען וואָס ער מיינט.

„די פרומע קאַץ", וועלכע פערנאַרט מיט איהרע זיסע רייד די דריי זינג־פויגעלעך און דערשטיקט זיי איינציגווייז אויף אַ בעזונדער כיטרען אופן, איז דער סימבאָל פון דער שרעקליכער אונטערדריקונג, וואָס הערשט אין אונזער לעבען. אַלע אונטערדריקער און הערשער טהוען אָב זייערע בלוטיגע מעשים מיט גאָט'ס נאָמען אויף די ליפען, און אַ פלוך רייסט זיך צו זיי, אַ פלוך, פול מיט גאַל און גיפט. אויף די אַרבייטער, וואָס האָבען געהערט פּרץ'ן פאָרלעזען „די פרומע קאַץ" אויף די כלומר'שטדיגע „תנאים" אין וואַרשע, פאַר וועלכע ער איז געוואָרען אַרעסטירט, האָט אָט די מעשה'לע געמאַכט אַ סך אַ גרעסערע ווירקונג ווי די שטאַרקסטע אַגיטאַציאָנס־רעדע. זי איז געוועזן די הויפּט־טהעמע אויף דער „בירזשע" פאַר וואָכענלאַנג. יעדער האָט אין איהר געפונען אַן אַנדער מיין. אַזוי איז אויך געוועזן מיט אַנדערע זאַכען פּרץ'ס. ער האָט געוועקט אין דעם אידען דעם מענשען, דעם קעמפּפער, און פּרץ איז געוואָרען אונזער א י נ ט ע ר נ אַ צ י אָ נ אַ ל ־ ס ט ע ר קינסטלער.

שטענדיג שטרעבט ער צו א שעהנער און ליכטיגער צוקונפט, וואו דער מענש זאל קענען ענטוויקלען אלע זיינע גייסטיגע קרעפטען, און אין זיין שטרעבונג דערצו שטעלט ער זיך אב אויף דער אידעע פון סאציאליזם, אזוי ווי פיעלע גרויסע קינסטלער פון דער נייער צייט. ער גיט צו אין אן ארטיקעל „מאטעריאליזם און אידעאליזם“, וואס איז געווען געדרוקט אין אברהם רייזענ׳ס א סוכות־בלאט, אז אלע זיינע ווערק זיינען דורכגעדרונגען מיט א סאציאליסטישען גייסט. אמת, ער איז זיך מודה, אז, ער איז אויך זעהר נאהענט, ווי ער דריקט זיך אויס, צו דער נאציאנאליסטישער וועלט־אנשויאונג, צום אידעאליזם. דערין איז אבער ניטא, לויט זיין מיינונג, קיין געגענזאץ און קיין ווידערשפרוך. מאטעריאליזם און אידעאליזם זיינען ענג פערבונדען צווישען זיך; איינס דרינגט ארויס פון צווייטען. דער גייסטיגער פראגרעס פון דער מענשהייט הענגט אב פון עקאנאמישען פראגרעס, און ערשט דאן, ווען די וועלט וועט ווערען עקאנאמיש און גייסטיג פריי, „וועט מענש ניט שטעהן געגען מענש און נישט פאלק געגען פאלק. דער קאמפף אום דאזיין וועט זיין צווישען מענש און נאטור“. צו אזא צייט, זאגט פרץ, ”פיהרען אלע קאמונאציאנס־רעפארמען, צוזאמענפאהרען, קאנגרעסען, דער טויש פון נאציאנאלע קולטור־ווערטען דורך איבערזעצונג, ווי אויך די אלגעמיינע שטרעבונגען צו פערווירקליכען אן אלגעמיינע צווישען־פעלקערישע שפראך און א י ב ע ר ה ו י פ ט דער צווישען־פעלקערישער קלאסענקאמפף“.

די גרעסטע בעדייטונג גיט, אלזא, פרץ צו דעם קלאסענקאמפף; ער האלט עס פאר די הויפט־קראפט, וואס טרייבט די מענשהייט אלץ מעהר פארווערטס און פארווערטס. און ער זעהט בעשיינפערליך, אז „די שטערען, וואס רעגיערען די נאכט,—ריטערטהום, העלדענטהום, פאטערלאנד, הערשזוכט, — ווערען בלאסער פון טאג צו טאג“. זייער ארט פערנעהמט „די מאסען־און פעלקערבעפרייאונג“.

אט די געדאנקען האט פרץ ארויסגעזאגט אין יאהר 1907, גראד אין דער צייט, ווען ער האט זיך דערווייטערט פון דער ארבייטער־בעוועגונג און איז געווארען אביסעל רעליגיעז־מיסטיש געשטימט. ער האט זיך דאן אינגאנצען פערטיעפט אין דאס

אלטע יודענטום, און פיעלע פון זיינע פריהערדיגע געגנער האבען אויף איהם געגומען קוקען ווי אויף א בעל־תשובה, וועלכער האט זיך אבגעזאגט פון זיין ראדיקאל־סאציאליסטישער וועלט־אנ־שויאונג און אנגעקלאפט אזש אין בית־המדרש אריין. דער אמת איז אבער, ווי דאס ווייזט דער דערמאהנטער ארטיקעל און זיין ווייטער שאפען, אז פרץ איז געבליבען טריי צו זיך אליין. דאס אלטע יודענטום האט איהם, ווי שטענדיג, בלויז געדיענט אלס קאנווע, אויף וועלכער ער האט אויסגענעהט שעהנע בילדער פון דער צוקינפטיגער פרייער געזעלשאפט.

אויב אין פרץ'ס פובליציסטיק פון די לעצטע יאהרען פלעגט זיך אמאל הערען א צו נאציאנאליסטישער טאן, אויב עס פלעגט זיך אין איהר מערקען א געוויסע ווענדונג צוריק, א בעשטימטע בעגייסטערונג פאר די אלטע אידישע טראדיציעס און מנהגים, איז דאס מעהר ניט געווען ווי א פארבייגעהענדע ערשיינונג. די רעליגיעז־מיסטישע שטימונג, וואס האט ארומגעכאפט די אידישע אינטעליגענץ אין רוסלאנד נאך דער רעוואלוציע, האט אנגעשטעקט אויך פרץ'ס אימפולסיווע נאטור; אין זיין קונסט איז ער אבער געבליבען דער אלטער פרץ, מיט זיין פריהערדיגען גלויבען, מיט זיינע פריהערדיגע איבערצייגונגען, זאגאר מיט זיינע קאסמאפא־ליטישע נייגונגען, אז „עס זאל פערווירקליכט ווערען אן אלגעמיינע צווישען־פעלקערישע שפראך און פון אלע נאציאנען זאל ווערען איין נאציאן".

פון פרץ'ס חסיד'ישע ערצעהלונגען ביז די „פאלקסטהימליכע געשיכטען" און דער סימבאלישער דראמע „די גאלדענע קייט" ציהט זיך איין און דער זעלבער פאדים; אלע זיינען זיי אנגעזאפט מיט דעם זעלבען פרייהייטס־גייסט, מיט דער זעלבער פרייהייטס־אידעע.

אין די חסידישע ערצעהלונגען האט פרץ געשאפען יענע פרייע, איינהייטליכע פערזענליכקייט, נאך וועלכער מיר אלע בענקען אזוי שטארק. ניט האבענדיג קיין מוסטער פאר זיך אין דער אידישער געגענווארט, האט זיך פרץ געמוזט ווענדען צו דער פערגאנגענ־הייט; די פערגאנגענהייט איז אבער פאר איהם ניט קיין אידעאל; ער האט מעהר ניט דורך איהר געוואלט בעווייזען, ווי עס דארף אויסזעהן די געגענווארט און צוקונפט; דאס האט ער פערקער־

פערט אין זיינע „פאָלקסטימליכע געשיכטען“ און אין „די גאָלדענע קייט“.

„די גאָלדענע קייט“ איז געווען צום ערשטען מאָל געדרוקט אין „בונד'ס“ זאמעלבוך „די וועלט“, און דאָס איז נים קיין צופאַל. פרץ האָט גאַנץ גוט פערשטאַנען, אז „די גאָלדענע קייט“ קען אַם בעסטען פערשטעהן אַ סאָציאַליסט, אז איהם דאַרף זי זיין בעזונדער נאָהענט. דער סאָציאַליסט איז איבערצייגט, אַז מיט דער עקאָנאָמישער בעפרייאונג פון דער מענשהייט וועט אויך קומען די גייסטיגע בעפרייאונג פון דער מענשהייט. דאַן, ווען עס וועט אריינטרעטען אָט די גליקליכע צייט און דער מענש וועט מעהר נים פיהלען אויף זיך דעם יאָך פון דער אַלטעגליכקייט, ווען דער קאַמפף פאַר עקזיסטענץ וועט נים האַלטען פערשקלאַפט זיין גייסט, וועט אין זיין הארצען א י י ב י ג ז י י ן י ו ם - ט ו ב, וועט ער זיין פריי אין אַלע הינזיכטען.

ר' שלמה, דער העלד פון דער דראַמע, וועלכער האַסט די אַלטעגליכקייט פון טיעפסטען הארצען און וויל זיך אויפהוי־בען העכער פון דער אַלטעגליכקייט, כדי דאָס לעבען זאָל זיין אַ ש ט ע נ ד י ג ע ר י ו ם - ט ו ב, איז דעריבער נים קיין טיפּ פון דער פערגאַנגענהייט; — ער איז אַ סימבאָל פון דעם צוקינפטיגען מענשען, פון דעם מענשען, וואָס וועט לעבען אין פרייע בעדינגונגען, און זיין ווילען וועט זיין מעכטיג, אונבענגרע־נעצט. ווי אַ שטיק נביאות קלינגט ר' שלמה'ס אויסרוף:

„חרוב זאָל ווערען די וועלט;
און מיר —
מיר, שבת'דיגע,
מיר, יום־טוב'דיגע,
מיר, נשמה־יתירה'דיגע אידען,
וועלען איבער איהרע חורבות געהן!“...

אין אָט דעם אויסרוף הערט זיך דער גייסט פון דער נייער צייט, ווען עס ווערט צושטערט די אַלטע וועלט און אויף איהר אָרט ווערט געבויט אַ נייע וועלט. און ר' שלמה איז די פערזאָני־פיציערונג פון דער פרייער איינהייטליכער פערזענליכקייט...

אָט די פערזענליכקייט פערגעטערט פרץ, אָבער אין דער וועלבינער צייט פערגעטערט ער אויך דעם קאָלעקטיוו, דעם פאָל.

די פערזענליכקייט איז א טייל פון קאָלעקטיוו, און וואָס פאָלקאָמענער דער קאָלעקטיוו איז, אלץ שעהנער איז דער יחיד, אלץ שטארקער איז זיין ווילען. דער יחיד, ווי שטארק ער זאָל ניט זיין, מוז פערלירען זיינע אָדלער־פליגעל, ווען ער איז אליין. איז אָבער דער כלל מיט איהם, דאַן איז ער אַלמעכטיג. דער קאָלעקטיוו קען וואונדער בעשאפען; ער קען די פערזענליכקייט אויפהויבען צו א גוואַלדיגער הויך, און, פערקעהרט, אראָבוואַרפען זי ביז דער נידריגסטער מדרגה. פאר איהם איז ניטאָ קיין אונמעגליכעם.

מאקסים גאָרקי האָט אין זיין „וידוי" בעוויזען וואָס פאר אונגעהויערע קראפט דער קאָלעקטיוו בעזיצט, אז אונטער זיין ווירקונג הויבט אָן אפילו א קאָליקע, פאראליזירט מיידעל צו געהן; זי נעהמט זיך בעוועגען און ווערט מיט אמאָל געזונד. די מאכט פון קאָלעקטיוו האָט אויך בעוויזען פרץ אין „צווישען צוויי בערג". מען מוז אָבער צוגעבען, אז ביי פרץ'ן האָט זיך בעקומען א מעהר נאטירליך בילד. ביי גאָרקי'ן דריקט זיך אוים די ווירקונג פון קאָלעקטיוו אין נסים, אין מופתים, ביי פרץ'ן דרינגט זי אָבער ארוים פון אַן איינפאכער קוועלע, ניט קיין איבערמענשליכער.

דער טרוקענער מתנגד, דער בריסקער רב, גיט זיך אונטער צום ביאַלער חסיד'ישען רבי'ן, מאכט מיט איהם שלום ניט דערפאר, ווייל ער זעהט פאר זיך עפּעס איבערנאטירליכעס. א מחנה חסידים געהט פארביי דעם בריסקער רב'ס אויגען. זיי זיינען געוואוינליכע אידען, אָבער עס לעבט אין זיי אזא איינינקייט, אז זי מוז הינרייסען; עס שטראָמט ארוים פון זיי אזוי פיעל לעבענס־לוסט און לעבענס־פּאָעזיע, אז מען מוז בעצויבערט ווערען. די מחנה חסידים גיסט זיך צונויף מיט די גרינע פעלדער און לאָנקעס, מיט דעם בלויען הימעל אין עפּעס גאנצעס. זי הויבט זיך אויף העכער פון דער אלטעגליכקייט און ווערט מיט דער נאטור איינס. אין די טריט פון די יום־טוב'דיגע כתות חסידים קלינגט אָב די מוזיק פון איין אַלגעמיינעם בעגעהר, פון איין וואונדערבארען ווילען; זיי זיינען דאַן די הערשער פון'ם לעבען, אלץ בויגט זיך און בוקט זיך פאר זיי. די געשטאלט פון ביאַלער רבי'ן, וועלכער איז דער פיהרער פון אָט די כתות חסידים, שטייגט אלץ העכער און העכער, און דער בריסקער רב ווערט אין דער מינוט פערוואנדעלט

אין א חסיד. ער קען ניט מיט זיין גרויסער שטארקער פערזענליכ־ קייט ביישטעהן געגען דער ווירקונג פונ'ם כלל, וועלכער איז איהם ביז אהער געוועזן פרעמד. דאס איז ניט קיין נס, קיין מופת, נור די נאטירליכע קראפט פונ'ם קאלעקטיוו, וואס איז דורכגעדרונגען מיט א גרויסען אידעאל.

אט דער אידעאל פון פערזענליכער און קאלעקטיווער בע־פרייאונג איז געוועזן דער פייער־זייל, וואס האט פרץ'ן בעגלייט זיין גאנץ לעבען, און אלץ, צו וואס ער האט זיך צוגעריהרט, איז אנגעשטעקט געווארען מיט רעוואלוציע; ער האט קיין מאל ניט געקענט אריבערטראגען דעם שאבלאן, זיך איינלעבען מיט די אל־טע מנהגים, מיט די פערשימעלטע פארמען פונ'ם לעבען. ער האט שטענדיג געקעמפפט געגען אבגעשטאנענקייט, אונטערטע־ניגקייט, געהארכזאמקייט. „פאר שלום, — שרייט ער אויס אין א פעליעטאן „וואס זאל איך וועלען" — פאר שלום האב איך מורא, פאר שטילקייט ציטער איך אימת מות! שלום און שטיל איז אויפ'ן בית הקברות... אהן גערויש פרעסען זיך די ווערים אריין אין די מתים'ס לייבער; שטיל האלזט ארום דער מאך די אלטע מצבה און ציהט זי אין דער ערד אריין... שטיל רוישט דאס ארימע בוימעל, וואס ציהט אריין אין זיך דעם קברים־זאפט... שטיל איז נאכט און טויט".

פרץ, אלזא, האסט די שטילקייט פונ'ם לעבען. ער ווייס גאנץ גוט, אז ווען מען געהט ניט מיט'ן גלייכען וועג, נור מען בע־האלט דעם אמת און מען זאגט א שקר'ל צוליעב שלום וועגען, קען מען האבען „א ווארימע שטוב, א ווייכען פאטעל, א גרויס פאנטאפעל און א זיידענע שלאפמיץ". „מענשען — זאגט ער — האבען עס אזוי ליעב, די ארימע אונגליקליכע מענשען... און אזוי פאלט מען אלץ נידריגער און נידריגער, ביז מען דריקט די פער־בלוטיגסטע האנד, מען קושט דאס גרעבסטע לעסטער־מויל, און מען מאכט שותפות מיט'ן ערגסטען באנדיט... אה, ניין, שלום איז א שרעקליכע זאך... שלום איז דער ש ק ר אליין!"...

זייענדיג אזא ביטערער שונא פון פאלשקייט, פון זאטער צו־פרידענהייט, פון שלום־מאכעריי צוליעב אייגענער בעקוועמליכקייט, פון קאמפראמיסען, האט פרץ כסדר געפאדערט מלחמה, מלחמה געגען דער פיזישער און גייסטיגער פערשקלאפונג פון דעם מענ־

שען. ער האָט זיך בעצויגען מיט דער טיעפסטער פעראַכטונג צו די יעניגע, וואָס ווייסען ניט אָדער ווילען ניט וויסען פון ספקות, פון קאַמפף. אין זיין „א בריעף“, איבערזעצט פון העברעאיש און געדרוקט אין בונד'ס זאַמעל־בוך „די נייע צייט“, שילדערט ער אין א העכסט פּאָעטישער פאָרם די גאַנצע נישטיגקייט און אינהאַלטס־לאָזיגקייט פונ'ם לעבען, ווען מען הערט נור אין איהם "דעם גע־שפּרעך פון די גראָזען און דעם געזאַנג פון דעם נאַכטיגאַל, ווען מען זעהט אַרום זיך בלויז רויזען“.

אומגליקליך זיינען יענע „גליקליכע“, וועלכע בעמערקען ניט די פערשיעדענע קאַליקעס, די נאַקעטע קינדער פון עלענד, וואָס שטרע־קען אויס די האַנד נאָך אַפּאָר גראָשען, כדי די נשמה צו דער־האַלטען, נאַכט־געלד צו בעצאָהלען; זיי זעהען ניט, אַז די גליקלי־כע, ווי „די טעכטער פון עלענד ציגרען אַן אין דער פינסטער זייערע מאַטע אויגען מיט דעם נשמה־פלאַם, וואָס איז נאָך ניט אויספערקויפט געוואָרען“; אין שעכטהייז הערען זיי ניט דאָס כאָרכ־לען פונ'ם געקוילעטען קעלבעל און אין הקדש די קרעכצען פון די קראַנקע. פאַר אַט די לייט איז די וועלט א גן עדן, פול מיט רויזען, וואָס וואַקסען אָהן דערנער, פול מיט שיין און ליעבע, מיט נאַכטי־גאַל־געזאַנג; זיי בעמערקען אבער ניט „דעם קאַמפף פון די וואָרצ־לען אונטער דער ערד“, זיי זעהען ניט, ווי „דאָס לעבען ראַנגעלט זיך מיט'ן טויט“...

ניט פאַר יענע גליקליכע איז דעריבער די טורמע: אַהין וועט־לען זיי קיינמאָל ניט קומען, ווייל „רויזען זינדיגען ניט... דאָס ליע־בע־זינגען פון נאַכטיגאַל איז ניט קיין זינד“. זיי זעהען דעם ליכ־טיגען טאָג, אבער ניט זיין שטורם, און דער קינסטלער איז זיי ניט מקנא, ניין. זיי זיינען איהם ניט ווענינער פערהאַסט ווי די רודף־שלום'ניקעס. דאָס זיינען לעבעדיגע מתים, מילבען, און פאַר איהם איז ניטאָ קיין הייליגערע זאַך, ווי דער מענש, דער שטאָלצער, דער מעכטיגער, וועלכער זוכט שטענדיג נייע וועגען, וועלכער וויל זיך אויפהויבען אין די הימלען, וועלכער וויל ווערען א פרייער און בעפרייער...

פרץ האָט פערשטאַנען, געפיהלט, אז ביי די הערשענדע בע־דינגונגען איז אונמעגליך פאַר דעם מענשען, פאַר דעם פרייען גייסט אויפצוהויבען זיך אויף דער געווינשטער חויך. דערצו איז

נויטיג די בעפרייאונג פון גאנצען כלל; דעם כלל פעהלט נאך אבער אינערליכער שוואונג, ער איז נאך ניט רייף גענוג צו שטעלען זיך העכער פון דער אלטעגליכקייט. דעריבער איז דעם קינסטלער׳ס נשמה געווען אזא ווולקאן; דעריבער האט ער שטענדיג געזוכט צו בויען נייע וועלטען, שעהנע, פּרעכטיגע, וואו עס זאל זיצען די פרייהייט אויף איהר טהראן און פערשפרייטען איבער אלץ איהר הערשאפט. ער האט דערמיט געזאגט די מענשען: „ווילט נור, און איהר וועט זיין פריי, וועט אייך דאס גליק שיינען!“...

שטרעבענדיג שטענדיג צו פרייהייט, האט פרץ די פרייהייט בעזונגען און אנגעזאגט איהר קומען. ער האט פאראויסגעזעהן די בעסערע, שעהנערע צייטען, ווען אלע מענשען־קינדער וועלען לעבען גליקליך, און פערקערפערט האט ער עס אין הערליכע בילדער.

אין דער פאנטאזיע „דער אייביגער פריעדען אין ערגעץ־לאנד“ זעהען מיר, ווי עס גיסען זיך ימים בלוט, ווי שטעדט און לענדער ווערען חרוב, ווייל די מענשען ווילען דערגרייכען דעם הויכען בארג פון פריעדען. די ארויפשטייגערער רעדען פערשיעדענע שפראכען, רופען אן גאט מיט בעזונדערע נעמען און פערשטעהען זיך ניט, פערטיליגען זיך איינע די אנדערע. איינמאל אבער האבען צוויי, אין צופלאקערטען קאמפף, דערגרייכט דעם הויכען שפּיץ בארג, און פלוצלונג האבען זיי זיך אנגעהויבען צו פערשטעהן; זיי האבען אנגעפאנגען רעדען די שפּראך פון דער הויך, די ליכטיגע שפּראך, די שטראהלען־שפּראך. נאך זיי זיינען געקומען נאך און נאך, און פריעדען איז געווארען אויף דער וועלט...

נאך בולט׳ער און שטארקער ווערט געשילדערט די שעהנע צוקונפט אין דער מעשה׳לע „משיח׳ס צייטען“. משיח איז דא, ווי אין די מעהרסטע פעלע ביי פרץ׳ן, ניט בלויז דער סימבאל פון דער אידישער גאולה, נור פון דער וועלט־גאולה. „אלע ווארטען אויף איהם — זאגט דער משוגענער, וועלכער רעדט מיט דער שפּראך פון א נביא — אפילו הימעל און ערד ווארטען!“ אין דער ערווארטונג ליעגט די טרייסט פון דער מענשהייט, ווייל „ווען נישט, וואלט זיך קיינעם נישט געגלוסט צו לעבען, צו טהאן די האנד אין קאלט וואסער... און אויב מען לעבט און מען טהוט, גלייך מען וויל לעבען, איז א סימן, אז אלע פיהלען, אז משיח קומט, אז ער מוז קומען, אז ער איז שוין אין וועג“...

דער זועג איז אבער זעהר א שווערער: „פריהער וועלען זיין שרעקליכע מלחמות איבער פאלשע משיח'ען; די מענשען וועלען זיך ארומרייסען, ווי ווילדע חיות; די ערד וועט אנגעזאפט ווערען מיט בלוט; טייכען בלוט וועלען פליעסען פון מזרח קיין מעריב און פון דרום קיין צפון; אלע חיות, בהמות וועלען טרינקען מענשען-בלוט; אלע פעלדער, גערטנער, אלע טראקטען און אלע וועגען וועלען פערגאסען ווערען מיט מענשען-בלוט... און אין מיטען דער צייט פון בלוטיגען מבול וועט זיך ערשט בעווייזען דער אמת'ע משיח, דער רעכטער"...

דער נביא איז אין דעם זיכער; ער איז איבערצייגט, אז דאס וועט אונבעדינגט זיין אזוי. דאן וועט זיך אנהויבען א נייע לעבען, וועט אויסוואקסען א גאנץ נייע מענשהייט. „משיח'ן וועט יעדער דערקענען, עס וועט קיינער נישט האבען קיין טעות. ער וועט זיין משיח מיט יעדער מינע, מיט יעדען ווארט, מיט יעדען בליק. ער וועט נישט האבען קיין חיילות, ער וועט נים רייטען אויף קיין פערד און א שווערד וועט איהם נישט הענגען אויף די לענדען... פליגעל וועט ער האבען... משיח וועט האבען פליגעל, און אלע וועלען דערנאך בעקומען פליגעל. עס וועט זיין אזוי: פלוצלינג וועט געבוירען ווערען א קינד מיט פליגעל, דערנאך — א צווייטס, א דריטס און אזוי וועט עס שוין געהן כסדר... פריהער וועלען זיך די מענשען דערשרעקען, דערנאך וועט מען זיך צוגעוואוינען, ביז עס וועט ארויסקומען א גאנץ דור מיט פליגעל; א דור, וואס וועט זיך נישט מעהר וועלען וואלגערען אין דער בלאטע, און וועט זיך נישט מעהר רייסען איבער א פרנסה-ווערמעל."

אט אזוי דערצעהלט אונז פרץ אין זיין פאנטאזיע און מעשה'לע וועגען דאס אנקומען פון דער נייער צייט, וועגען דער גרויסער איבערקעהרעניש, וואס זי וועט מאכען אין דעם גאנצען מענשענ'ס לעבען, און מיר פיהלען, אז ער גלויבט אין דער גרויסער אלוועלט-ליכער גאולה מיט אלע זיינע חושים. דאס איז זיין הייליגסטער בעגעהר, זיין שעהנסטער טרוים, אקוראט ווי עס איז זיין טיעפסטע איבערצייגונג, ווי עס דריקט זיך אוים דער לעהרער אין „וואס הייסט נשמה", אז „אלע מענשען זיינען גלייך, גלייכע קינדער, איין גאט זייער טאטע, איין ערד זייער לאנד!"...

ע נ ד ע.